STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11600

DINAH ROYTKOP.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דינה רויטקאָפ

דינה רויטקאָפּ

פֿאַרלאַג „כ״א אלול״

תל־אביב, תשל״ו — 1976

...ביז הײַנט נאָך פֿאַרפֿאָלגן מיך דינהס אויגן, פֿולע מיט בענק־שאַפֿט און טרויער. מיר איז אויסגעקומען זי באַאָבאַכטן אין פֿאַרשי־דענע סיטואַציעס: אויף רעפּעטיציעס, פֿאַרשטעלונגען, פֿאַרלעזונגען און אין דער געזעלשאַפֿט פֿון שרײַבערס און קינסטלערס. איך האָב באַוווּנ־דערט איר גוואַלדיקע איבערגעגעבנקייט דער טעאַטער־קונסט. אַלץ וואָס זי האָט געטאָן אויף דער בינע איז געווען ערנסט און באַדאַכט. אירע סצענישע געשטאַלטן און קינסטלערישע פֿאַרלעזונגען האָבן געהאַט אַ באַזונדערן צויבער און אינהאַלט. זי האָט שטענדיק אויס־געזוכט פֿאַר זײַ אָריגינעלע פֿאַרבן און ריטמען. לײדער איז איר שאַפֿע־רישער וועג פּלוצעם און טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן...

עס איז שווער צו טראַכטן וועגן דינהן און נישט דערמאָנען איר פּערזענלעכע דראַמע. וועגן וואָס מען זאָל נישט געווען מיט איר רעדן, האָט זי שטענדיק אַרויפֿגעפֿירט דעם שמועס וועגן איר אײנציקן זון, וואָס די סאָוועטן לאָזן ניט אַרויס. עס דאַכט זיך מיר אַז איבער איר האָט שטענדיק געלויערט אַ שרעקלעכער פּחד פֿאַר זײַן גורל. פֿון די שמועסן מיט איר האָט זיך געשאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז זי טראָגט אין זיך אַ שולדגעפֿיל, וואָס זי האָט איר בן־יחיד איבערגעלאָזט אין אַ פֿרעמדער, פֿײַנטלעכער סביבה. די געצווווּנגענע צעשיידונג מיט אים האָט זי איבערגעלעבט ביז דער גרענעץ פֿון צוזאַמענבראָך. זי האָט וועלטן אײַנגעלייגט אים צו האָבן לעבן זיך. זי האָט אָבער פֿיזיש נישט אויסגעהאַלטן די שפּאַנונג און דעם צער און איז געפֿאַלן אין איר ממש איבערמענטשלעכן קאַמף אים אויסצולייזן.

אין מײַן דמיון לעבן דינהס טיפֿע שוישפּילערישע לײַדנשאַפֿטן און אירע גרויסע מוטערלעכע זאָרגן.

די אָפּשאַצונגען, זכרונות און בריוו, וואָס זענען אײַנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער זאַמלונג, וועלן געוויס זײַן אַ וויכטיקער צושטײַער צום פֿאַראייביקן דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון דער יונג פֿאַרשניטענער טאַלאַנטירטער שוישפּילערין דינה רויטקאָפּ.

ל י אַ   ק ע נ י ג

דינה רויטקאָפ

געבוירן כ״ח ניסן תרפ״ה 1922.4.26 — געשטאָרבן כ״א אלול תשל״ה 1975.8.28

א

נאָטיצן אין פּראָפיל

יחזקאל דאָברושין:

...די מאָסקווער יידישע מלוכהשע טעאַטער־שול האָט באַוויזן דעם דיפּלאָם־ספּעקטאַקל פון די סטודענטן, וואָס האָבן הייאָר פאַר־ענדיקט די שול. דאָס איז דער דריײַצנטער אַרויסלאָז פון דער מאָסקווער טעאַטער־שול, וואָס באַזאָרגט מיט אַרטיסטישע יוגנט־קאַדרען די מלוכהשע יידישע טעאַטערן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיטן דריײַצנטן אַרויסלאָז פון אירע דערצויגלינגען האָט די טעאַטער־שול צוגעגרייט די אויפפירונג פון באָמאַרשעס באַוואוסטער פּיעסע „פיגאַראָס חתונה" אין דוד האָפשטיינס איבערזעצונג. גע־שטעלט די פּיעסע האָט דער פּעדאַגאָג־רעזשיסאָר א. אַזאַרך, קינסט־לערין — מ. פראַדקינע, קאָמפּאָזיטאָר — ל. יאַמפּאָלסקי, לידער־טעקסטן פון מ. בראַדערזאָן. די אַלע אַנטייל־נעמערס האָבן יעדער אויף זיין אופן מיטגעהאָלפן דעם דערפאָלג פון דער אויפפירונג, פאַרוואַנדלט די שול־פאַרשטעלונג אין אַ פריידיקער דערשײַנונג, וועלכע ס'האָבן באַגריסט הונדערטער צושויערס, באַזוכערס פון די אַרויסלאָז־אָוונטן. — —

סוזאַנע, דער גרעפינס קאַמעריסטין, שפּילן צוויי: קיסלאָווע און רויטקאָפּ. די ביידע שאַפן פאַרשיידענע ראָלעס. אַ צייכן פון געוויסער סצענישער שטרעבונג צו אינדיווידואַליטעט. קיסלאָווע שפּילט מער אויפן אויסערלעכן מיידלרייץ, אויף דעם חן פון דער מינע און באַוועגונג, און רויטקאָפּ איז מער אַרײַנגעטאָן אין זיך, זי איז אינטימער, מער אינערלעכער אין אירע איבערלעבונגען. אַ מאָל קומט איר אָן דעריבער שווערער אונטערצוגעבן זיך דעם שווינדל־דיקן טומל פון דער לויפנדיקער אינטריגע־קייט. — —

דינה רויטקאָפּ וואָס האָט געשפּילט אויך די ראָלע פון דעם יונגן פּאַזש, קערובינאָ, האָט נאָך אַ מאָל באַוויזן, אַז זי גייט צו באַדאַכט צו אירע טאַלאַנטפולע געשאַפענע געשטאַלטן...

„אַ פריידיקער אַרויסלאָז־ספּעקטאַקל", „איינִיקייט", 13טן אויגוסט 1946.

בוזי מילער:

די שטרעבונג באַקאַנט און באַליבט צו מאַכן ביַים לייענער ניַיע ווערק פֿון דער היַינטציַיטיקער ייִדישער פּאָעזיע גיט צו אַ באַזונדערן אינטערעס די קינסטלערישע פּאַרלעזונגען פֿון דינה רויטקאָפּ. זי לאָזט זיך אַראָפּ אין דער טיף פֿונעם דיכטערישן טעקסט און ברענגט אַרויס פֿון דאָרט זיַין תּמצית, זיַין נשמה — דעם אומאויסגעגלעכן טראַגיזם פֿון משה טייפּס „אויף גיטקע טיַיבעלעס זאַווולעק", די לוסטיקע פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון אברהם גאָנטאַרס „אסתּריניע די פּרינצעסין". דעם מוטיקן אָפּטימיזם פֿון שיקע דריזס „דער בוים". מיט אַ באַזונדערער מיַיסטערשאַפֿט פּילט אויס דינה רויטקאָפּ שלמה רויטמאַנס פּאָעמע „ווי מען טאַנצט אַ האָנגע". אין איר אויספֿירונג ווערט עס אַן עכטע סימפֿאָניע פֿון פֿרייד און טרויער, פֿון גליק און פּיַין, פֿון טויט און לעבן...

אין גאַנצן גענומען האָבן אירע קאָנצערטן געלאָזט אַ טיפֿן איַינדרוק אויף די צושויערס.

„בירָאָבידזשאַנער שטערן", 1969.10.12.

קערובינאָ אין באָמאַרשעס ,,פיגאַראָס חתונה" (דינה — ערשטע לינקס), מאָסקווע 1946



בקיבוץ לוחמי הגיטאות: עצרת זכרון לציון יום השנה הכ״ט למרד הגיטאות (11.4.1972)

אַברהם זאַק:

אין „היכל־התרבות״ האָב איך באַווּנדערט אַ ייִדישע וואָרט־קינסטלעריין, אַ נײַע עולה פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס איז געווען אין אַפּריל אויף דער ריזיקער אַקאַדעמיע, געווידמעט דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דער גרויסער זאַל איז געווען אויסגעפֿולט ביז איבער די ברעגעס. די געטאָ־אַקאַדעמיע איז פֿאָרגעקומען אין צוויי טיילן: אין אַ ייִדישן טייל און אין אַ העברעיִשן, אין ייִדישן טייל צווישן די רעדעס איז אויפֿגעטראָטן די עולה חדשה פֿון סאָוועט־רוסלאַנד דינה רויטקאָפּ, די פֿרוי פֿונעם שרײַבער ל. פּאָדריאַטשיק (אגב: געווי מיטגליד פֿון רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״). ביידן איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פֿונעם שקלאַפֿנלאַנד. זי האָט רעציטירט אַ ציקל לידער פֿון סאָוועט־

טיש־יִדישע פּאָעטן: פֿון שיקע דריז, פּרץ מאַרקיש, איציק פֿעפֿער און אַנד׳. כ׳האָב דערזען און דערפֿילט אין איר דיסקרעטן טאָן, אין איר אינטערפּרעטאַציע, אין איר געצוימטן פֿאַרהאַלטן זיך אויף דער עסטראַדע אַ גרויסע קינסטלערין. שפּעטער האָב איך זי געזען און געהערט בײַ אַנדערע געלעגנהייטן. זי איז, אגב, אויך אויפֿגע־טראָטן אין אַרבעטער־רינג אויף רחוב קאַלישער 48, נאָך מײַנעם אַ רעפֿעראַט דאָרטן. כ׳האָב זי אויך געזען אין „הבימה״, וווּ זי האָט געשפּילט אין שלום־עליכמס „סטעמפּעניו״. זי איז געקומען מיט אַ קאָרעקטן העברעיִש שוין פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרט האָט זי גע־שפּילט אין מיכאָעלסעס קאַמער־טעאַטער. מיכאָעלס איז טאַקע געווען איר רבי. און נישט אומזיסט רעציטירט זי אָפֿט אין ישראל מיט אַזוי פֿיל עקספּרעסיע אַ ליד פֿון אַ סאָוועטיש־יִדישן פּאָעט, געשריבן אויפֿן טראַגישן טויט פֿון איר גרויסן לערער.

„די אידישע צײַטונג״, בוענאָס־אײַרעס 1972.9.24

□

אין איינעם פֿון די גרעסטע זאַלן אין ריגע איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנצערט פֿון יִדישן קינסטלערישן וואָרט און ליד, אויסגעפֿירט דורך דינה רויטקאָפּ. די פּראָגראַם פֿונעם קאָנצערט איז באַשטאַנען פֿון רעציטאַציעס און לידער פֿון דער געטאָ־ליטעראַטור, פֿון פּרץ מאַרקיש, משה טייף, יוסף ראַבין און אַנדערע און איז געווען געווידמעט די לעטלענדישע יִדן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דינה רויטקאָפּ, אַן אָפּשטאַמיקע פֿון שטעטל רעזשיצע, האָט מיט גרויס טאַלאַנט געלייענט די שאַפֿונגען פֿון אונדזערע שרײַבערס וועגן דעם אומקום פֿון די יִדן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. בײַם קלאַוויר — נאַטאַליע שרעדער, פֿידל האָט געשפּילט וו. בערג.

דער קאָנצערט האָט איבערגעלאָזט אַ טיפֿן אײַנדרוק בײַ דער ריגער יִדישער באַפֿעלקערונג.

„פֿאָלקס־שטימע״, וואַרשע 1963.1.8

□

אַ פּרעכטיקן קאָנצערט־אָוונט האָבן דעם שבת־צו־נאַכטס געגעבן די זינגערין נחמה ליפּשיץ און די שוישפּילערין דינה רויטקאָפּ אין לייוויק־הויז, אין תל־אביב. דער זאַל איז געווען פֿול ביז צום לעצטן פּלאַץ.

דינה רויטקאָפּ האָט אויף דעם קאָנצערט געגעבן דאָס בעסטע פֿון איר רײַכן רעפּערטואַר, ווי „מאָניש", פֿון י. ל. פּרץ; „חרוסת", פֿון שלום־עליכם; „פּלוצעם", פֿון יוסף קאַטלאַר; „מען זאָגט אַז עס איז אַ זינד", פֿון שמואל האַלקין; „קאַטערינע מאַלאַדיצע", פֿון יעקב שטערנבערג און „דעם קלעזמערס אייניקל" פֿון משה טייף.

דינה רויטקאָפּס רעציטאַציעס זענען אויפֿגענומען געוואָרן דורך די צושויערס מיט באַגײַסטערונג — —

„לעצטע נײַעס", 4.6.72

□

דינה רויטקאָפּ וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק עולה געווען (פֿון ריגע), האָט שוין נאָך אירע ערשטע וואָרטקאָנצערטן זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין גאַנצן לאַנד. אירע קאָנצערטן ציִען צו אַלץ ברייטערע מאַסן צושויערס, און ס'איז דעריבער אויך קיין חידוש נישט, וואָס זי איז באַלד אויך אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער „הבימה".

מיט אירע ערשטע וואָרטקאָנצערטן האָט די קינסטלערין פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם אוצר פֿון דער נײַער ייִדישער דיכטונג פֿון יענער זײַט אײַזערנעם פֿאָרהאַנג, וואָס איז געווען פֿאַרבאָרגן נישט נאָר פֿאַר די ברייטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, נאָר אַפֿילו פֿאַרן גרעסטן טייל ייִדישע שרײַבערס פֿון דער פֿרײַער וועלט.

באַשאַנקען מיט אייגענע קינסטלערישע מיטלען, האָט דינה רויטקאָפּ אונדז באַקענט מיט די שאַפֿונגען פֿון עזרא פֿינינבערג, שיקע דריז, משה טייף, יוסף קעלער און אַ סך אַנדערע.

אין איר לעצטן קאָנצערט אין לייוויק־הויז איז די קינסטלערין אויפֿגעטראָטן מיט אַ פּראָגראַם פֿון דער קלאַסישער ליטעראַטור, מיט פּרצן און שלום־עליכמען און דער דערפֿאָלג (דער עיקר אין „מאָניש״) איז געווען אַ קאָלאָסאַלער.

„לעצטע נייעס״, 1972.7.18

השוערת, ב„משחק החלומות״ של א. סטרינדברג („הבימה״, תל־אביב 1972)

□

די שוישפּילערין דינה רויטקאָפּ, — גלייבן מיר, — איז שוין נישט נייטיק באַזונדערס פֿאָרצושטעלן דעם ייִדישן צושויער אין ישראל. פֿאַר דער פֿאַרהעלטעניסמעסיק קורצער צײַט (עטוואָס מער ווי אַ יאָר) זינט איר עולה זײַן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד האָט זי שוין באַוויזן צו פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער קינסטלער־וועלט פֿון ישראל.

גלײַכצײַטיק מיט איר אַרבעט אין דעם העברעיִשן נאַציאָנאַלן טעאַטער „הבימה" טרעט זי אויף מיט קאָנצערטן, אין וועלכע זי רעציטירט מיט גרויס דערפֿאָלג ווערק פֿון דער ייִדישער קלאַסיק און פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור. זי פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם נוסח פֿון לייענען און אינטערפּרעטירן אַ ליטעראַריש־קינסטלעריש ווערק. זי פֿאַרכאַפּט דעם צוהערער נישט בלויז מיט איר באַזונדערן קינסטלערישן פּאַטאָס, נאָר אויך מיט איר טאַלאַנט צו אַנטפּלעקן אין די שוין אויבנאויפֿיק באַקאַנטע קינסטלערישע ווערק — נײַע געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע ניואַנסן.

די פּראָגראַם פֿון אירע קאָנצערטן איז בדרך־כּלל פֿאַרשידנאַרטיק סײַ טעמאַטיש, סײַ לויט די ליטעראַרישע זשאַנערן, און דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך דער באַזונדערער אינטערעס צו איר נײַעם וואָרטקאָנצערט, וואָס וועט פֿאָרקומען דעם 10טן מערץ אין זיגקלבוים־זאַל אין תל־אביב.

„ישראל־שטימע", 1973.3.5

יעקב העליון

כנר אלמוני ניגן קדיש

„בסימטה הקפואה ניצבה גדר ישנה, מטה לנפול. איש ישיש שזקנו העבות יורד על חזהו ישב עליה. הוא ניגן בכינור. אנו ישבנו מכווצים באוטובוס, רועדים מקור ונתונים באסוננו. לא שמענו את הצלילים רק את תנועת הקשת על המיתרים ראינו. אחרי־כן ספרו לנו שהאיש האלמוני ניגן ,קדיש׳. פרידתו שלו מאיש גדול. לנו — תמונה בלתי נמחית מן הזכרון״.

„הסימטה שבה ניגן, גבלה בבית התיאטרון היהודי של מיכאלס. אנו עמדנו לנסוע לפרידה אחרונה ממיכאלס. ימים אחדים לפני כן נהרג בתאונה, על־פי האינפורמציה הרשמית שנמסרה לנו. גדולי אנשי התיאטרון של ברית־המועצות עברו, לפני ההלוויה, ליד ארונו של מיכאלס שלא היה רק אמן גדול — כי אם טריבון. אבל פרידתו של הזקן, היתה בעלת המשמעות הנאדרה ביותר. משהו כמו פרידתו של העם היהודי מאחד מבניו הגדולים״...

הדוברת דינה רויטקאָפּ. שריד יחיד בארץ מן התיאטרון היהודי המפורסם של מיכאלס. אשה יפה על פי שנותיה. מן השלוה שלה ניבט כוח. עיניה נגדשות בדמעות, כשמחשבותיה נוהרות אחורה אל הזכרונות, אל רגעים, אל תמונות שהתרחשו לפני שנים.

מי יכול היה להאמין אז, כשהכל ידעו ש„תאונת הדרכים״, שניספה בה מיכאלס — אינה אלא ראשית סופה של התרבות היהודית בברית־המועצות; מי חלם שעשרים וארבע שנים אחרי שירד מסך אחרון על תיאטרונו — תשוב היא ותעלה על במת תיאטרון יהודי, התיאטרון הלאומי של מדינת ישראל.

„כשעליתי לארץ, לפני חמישה חדשים — מספרת דינה רויטקופ — נפגשתי עם ש. פינקל, מנהל ,הבימה׳. היתה שיחה נעימה. לא ידעתי מה היו תוצאותיה. חזרתי למרכז הקליטה. לפני כחודשיים וחצי הוזמנתי לבקר בתיאטרון. באתי. לבי פעם כמטורף, כל הדרך מחיפה. הוא ניבא שמשהו יתרחש. בחדרו של פינקל ישב הבמאי מלמקוויסט. פינקל אמר שיש תפקיד בשבילי. לקחוני מיד לאולם החזרות, שבו כבר ישבו השחקנים של ,משחק החלומות׳. פגשתי שם את ישראל בקר. הוא למד אתי בסטודיו לתיאטרון במוסקווה. נטל את ידי והושיבני לידו.

„דיברו על ההצגה. כך נדמה לי לפחות. אני הייתי בעולם אחר. המחשבות דהרו כמטורפות: האם זו אמת? לא חלום? האם אני יושבת במקום שאני יושבת, או אולי?... המלים חלפו ליד אוזני ולא יכולתי להאמין שהנער ישראל

בקר, חברי לספסל הלימודים, הוא באמת הגבר הזה שיושב לידי בחזרות".

„היה באמת מוזר מאד — ולמרות הכל לא חשתי, כי אני יושבת בתיאטרון חדש, זר. נדמה היה לי — ואיני יודעת איך להסביר את הדבר — כאילו נכנסתי מן התיאטרון שלי אל התיאטרון שלי. תאר לעצמך כמה גברה הרגשת הביתיות שלי, כששמעתי שמתבלים את השיחות בין מסדרונות ,הבימה' גם במשפטים באידיש..."

„התיאטרון שלי החל בבית־הספר היסודי, בעיר רז'יצה ליד ריגה. אני חייבת את ידיעת השפה העברית לבית־ספר זה. שם היה מורה לזמרה ומחול, יוסף פלינר. הוא ניהל חוגים דרמטיים וצירף אותי להצגותיו. איש זה הוא הסבא של רות אלכסנדרוביץ. עכשיו הוא בארץ. בהשראתו טופחה ונתעצמה תשוקתי לבמה.

„כשהייתי לנערה, ב־1940, החלטתי לעקור לריגה, לתיאטרון היהודי, כדי ללמוד בסטודיו שלידו. אך שהיתי שם זמן קצר בלבד. הגרמנים עמדו בשערי היער ואני נמלטתי. טולטלתי עד טשקנט.

„שם נודע לי, כי בעיר נמצא התיאטרון היהודי של מיכאלס. החלטתי לנסות את מזלי. הלכתי לבחינה, כדי להיות תלמידת הסטוריו. ביקשו לשחק קטע — שחקתי; ביקשו שארקוד — רקדתי; ביקשו שאשיר — פרחו מזכרוני כל השירים שידעתי באידיש ורוסית. גמגמתי בחשש שאני זוכרת רק שירים בעברית. הבוחנים ומיכאלס ביניהם, צחקו.אמרו: ,אדרבא׳... שרתי את ,בן לו היה לי' של רחל ו,צלצל קתרוס, צלצל בעצב' (שהושמע ב„הבימה" בהצגת „כבלים" על אסירים בסיביר) אלו היו שירים שלמדתי ב„השומר הצעיר" בלטוויה. נתקבלתי.

„כן, השפה העברית לא השתכחה ממני. גם בעלי הסופר אליעזר פודריאצ'יק שלט בה. לא דיברנו, אלא כשרצינו שלא יבינו את תוכן שיחותינו בטלפון...

„בשלהי 1943 חזרנו למוסקווה. הכל כבר ידעו על השואה שפקדה את היהדות — כל משפחתי נספתה ואני השריד היחיד שלה, לכן שמרתי על שם משפחתי. ואז עשה מיכאלס את אחד ממעשיו הגדולים־הנאדרים. העם היהודי נפגע. אבל העם היהודי חי למרות הכל. ההצגה הראשונה שהעלה במוסקווה נקראה ,פריילעכס' — ,שמחה'. מיכאלס רצה לומר שהעם היהודי יחיה לנצח. הוא ביים את ההצגה. אני, שחקנית צעירה, לא יכולתי להפסיק ולהשתאות ולוא גם לרגע, מעוצמת אמנותו שלא היה לה גבול. להצגה, שבה השתתף כל צוות התיאטרון, היה מעבד מוסיקלי והיה מדריך תנועה והיתה תזמורת. אבל מיכאלס — ידו היתה בכל, הוא הדריך את המעבד והדריך את מדריך תנועה, שלא לדבר על הדרכת השחקנים. זה היה התפקיד היפה ביותר שלי מאז התחלתי לעסוק

במשחק. — אפילו שלא היה תפקיד ,גדול׳.

,,אם ,שמחה׳ היתה שעה גדולה בשבילי — הנה הנוראה שבשעותי, בתיאטרון היהודי, אירעה ב־13 בינואר 1948. עסקנו בחזרות ל,כדאי להיות׳ — (איזו אירוניה אכזרית!) — בבימוי של זוסקין, מגדולי התיאטרון היהודי. בשעת החזרה נכנס מישהו ולחש באזנו של זוסקין. הבמאי קפא לרגע במקומו. ויצא. לנו לא נאמר דבר. רק חשנו מועקה מוזרה. אחרי זמן, אינני יודעת אם עברו דקות או שעברה שעה ארוכה, נכנס מנהל התיאטרון ואמר: ,מיכאלס איננו׳.

,,גם אנו קפאנו. לא ידענו את נפשנו. שתי מלים אלו לא היו יכולות להתפס בתודעה. ידענו שנסע לבקר תיאטרונים ברחבי ברית־המועצות. הוא נמנה על הממליצים לקבלת פרס סטאלין לתיאטרון. עמדנו שם אומללים בחדר־החזרות, מבלי שנפצה את פינו. מחשבותינו אצו בכיוונים רבים. אני יודעת, כי אני חשבתי ללא הרף, כי הוא לא מת. אחרי כן, באופן מוזר, נוספה עוד מלה: הוא לא מת בתאונה...

,,זוסקין ירש את מקומו של מיכאלס. אבל הוא היה שבור. בסוף אותה שנה, נלקח מבית־החולים על־ידי הבולשת למקום שממנו לא שב. ב־1949 נסגר התיאטרון. חזרנו. בעלי ואני, לריגה. שנים עבדתי במלאכות שונות, בבתי־חרושת. ב־1959 כשכבר התבהרה האפילה ורפתה היד החוסמת את פי היהודים, התחלתי להגיש ערבי קריאה. לא הצלחתי במיוחד. הצעירים היהודים כבר לא שומעים אידיש. החלטתי להצטרף להופעות של זמרים יהודים וכך עשיתי עד 1965, כשהפכתי לבת־זוגתה של נחמה ליפשיץ; היא שרה ואני קראתי. כל הופעה עמה היתה חג. את נחמה העריצו לא רק יהודים. גם רוסים. המשכתי בהופעות גם אחרי שנחמה עלתה לישראל.

,,כשביקרתי ב,הבימה׳, בפעם הראשונה; נדהמתי לגלות, כי איני רואה מקום חדש. באתי למקום מוכר: כל זמן שהותי ברוסיה, אספתי ללא הרף חומר על ,הבימה׳. רשימות על הרפרטואר, על השחקנים, שמרתי אפילו צילום מן הבנין החדש.

,,אני יודעת — ואני מדברת במלוא הכנות — איני מאמינה כי נתקבלתי ל,הבימה׳ בזכות כשרוני. אלא כנושאת את זכרו של התיאטרון היהודי של מוסקווה. אני בטוחה שהם נותנים בי אימון בזכות תיאטרון זה.

,,הייתי שרויה באימה גדולה בעלותי לראשונה על במה עברית, ממלאת לראשונה תפקיד ששפתו עברית. לא ידעתי את נפשי. עד עכשיו איני יודעת כיצד ראה אותי הקהל. אבל אני מתנחמת בתיאורי המבקרים שהזכירו אותי, איש מהם לא ציין את העולה החדשה דינה רויטקופ, זאת אומרת, שאיש מהם לא חש כי עולה חדשה, שזה עתה באה לארץ, משחקת בפניהם״.

,,מעריב״, כ״ד טבת תשל״ב, 72.1.11

משולם סורקיס

אַרטיסטישע עשירות

בדרך־כּלל קענען מיר צווײ פֿאַרלייען־שולן: די סאַלאָן־פֿאַרלעזונג, װעלכע טיילט זיך אויס דערמיט, װאָס דער קינסטלער באַנוצט זיך נישט מיט קיין שום אויסערלעכע מיטלען, ער זיצט בײַ אַ טיש, ס׳ליגט פֿאַר אים דאָס אויפֿגעמישטע בוך און ער לייענט, אָן שום באַוועגונג, בלויז די אינטאָנאַציע און שטרענגע האַרמאָנישקייט און זײַנע שפּילנדיקע אויגן עמאָציאָנירן אים גופֿא און באַגײַסטערן דעם צוהערער. צו אָט דער קאַטעגאָריע געהערן די כּהנים פֿון דער פֿאַרלייען־קונסט, דער װעלט־באַרימטער דײַטשער שוישפּילער אַלעקסאַנדער מויסי, די װינער אַקטריסע און באַרימטע תּהילים־לייענערין מאַריאַ פֿײַן און אונדזערע גרויסע װאָרטמײַסטערס הערץ גראָסבאַרד און יוסף בולאָוו. — די צווייטע קאַטעגאָריע, די אייגנטלעכע טעאַטראַלע רעציטאַטאָרס ווירקן עפֿעקטיוו דורך דינאַמישקייט, זיי שפּילן אויס לויטן באַגריף „כּל עצמותי תּאמרנה״; פֿון אָט דער שיטה קענען מיר די פֿאַרלייענערס־קאַריפֿייען: יאָזעף ראָט, דער פֿון גאָט געבענטשטער „ווילנער״ יוסף קאַמען און דער רוסישער רעציטאַטאָר פֿון קינסט־לערישן וואָרט וו. סאַמאָוו.

דעם סאַלאָן־פֿאַרלייענער קען מען הערן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי קלאַסישע מוזיק. דאַקעגן דער רעציטאַטאָר פֿון דער צווייטער שיטה צווינגט דעם צוהערער אים נאָכצופֿאָלגן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אָפֿענע אויגן.

דינה רויטקאָפּ קערט זיך זייער נאָענט אָן מיט דער צווייטער קאַטעגאָריע. — איר געשולטקייט און אינטויציע, געבוירענע אַרטיסטישע עשירות, סצעניש רוטין און פֿאַרליבטקייט אינעם קינסטלערישן וואָרט, שטעלן מיט זיך צוזאַמען די הונדערט־פּראָצענטיקע קינסטלערין.

דינה איז אַ זוכה בגורל. איר האָט נאָך אָפּגעגליקט צו אַבסאָלווירן די טע־אַטער־שול בײַם מאָסקווער „גאָסעט״, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון שלמה מיכאָעלס, און דעביוטירן ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטריסע פֿאַרן סגירת הארון, ד״ה איידער נאָך די סטאַלינישע האַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן ייִדישן טעאַטער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

בעתן טרויעריקן בין־הזמנים האָט דינה געאַרבעט איבער זיך. זיך פֿאַרטיפֿט אין די שאַפֿונגען פֿון דער שיינער ליטעראַטור, און ווי נאָר עס באַווײַזן זיך די ערשטע ייִדישע בריגאַדעס, באַגעגנט אונדז דינה מיט אַ סולת־אָפּקלײַב פֿון ייִדי־שער סאָוועטישער פּאָעזיע און פּראָזע און אויך פֿון ייִדישער קלאַסיק.

„פריילעכס״ (מאָסקווע 1946) — דינה די צווייטע פון לינקס

כּמעט אין יעדער ערנסטער קינסטלער־בריגאַדע באַטייליקט זי זיך. זי איז זיך משתּתּף אין די קאָנצערטן פֿון דעם הויך באַגאַבטן און, ליידער, פֿרי פֿאַר־שטאָרבענעם בנימין כאַיאַטאָווסקי ז״ל, פֿון נחמה ליפּשיץ, קלעמענטינע שערמעל און אַנאַ שעווליאָוואַ א״א. אויך דאָ איז איר סעלעקציע אַ געראָטענע. מיט ליטעראַרישן געשמאַק און קינסטלערישער פֿאַרשטענדעניש פּאַסט זי צו איר פּראָגראַם צו די לידערטעקסטן פֿון אירע פּאַרטנערן, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַן איינהייטלעכע ליניע פֿון צוויי קונסטזשאַנערן.

קיין ישראל האָט דינה מיטגעבראַכט אַ היפּשן באַגאַזש, אַז מ׳הערט זי דאָ איין מאָל, אָדער מער, שטאַרקט זיך דער איינדרוק אַז זי איז הייליק מקיים אַ נדר, וואָס זי האָט אַ מאָל מנדר געווען. איז זי טאַקע פֿון די ווייניקע עולים־קינסטלערס, געקומענע פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס דערפֿילט אַ ביז גאָר וויכטיקע מיסיע מיט איר פּאָפּולאַריזירן פֿאַרן ברייטן ישׂראל־עולם די פּערל פֿון דער סאָוועטישער דיכטונג, ווי שיקע דריז און דוד האָפֿשטיין, משה טייף און פּרץ מאַרקיש, עזרא פֿינינבערג און אהרון קושניראָוו, שלמה רויטמאַן און יעקב שטע־רנבערג א״א.

ס׳איז אַן אַקסיאָמע, אַז דער קינסטלער איז דעמאָלט עכט, ווען ס׳פֿאַר־שווינדט די מחיצה צווישן אים און דעם צוהערער. אין אַזאַ פֿאַל בלייבט אויף לאַנג לאַנג דאָס פֿאַרגעטראָגענע אינעם צוהערערס געדעכעניש.

צוקומענדיק אַנומלט צום „לייוויק״־הויז, ווו ס׳איז פֿאַרגעקומען אַ פֿאַר־לעזונג פֿון דינהן, האָב איך אָנגעטראָפֿן בײַם אָפּיש אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן וואָס האָט מיך געפֿרעגט אין אַ גאַליציאַנער געשמאַקן ייִדיש, צי דינה וועט הײַנט לייענען „קיכאַלאַך מיט זעמאַלאַך״, ווײַל „צוריק מיט אייניקע חדשים האָב איך זי געהערט לאַינען די מעשה מיט קיכאַלאַך און זעמאַלאַך און קען עס ביז הײַנט נישט פֿאַרגעסן״... אויך איך דערמאַן זיך אַזוי אָפּט אין משה טייפֿס „קיכעלעך מיט זעמעלעך״, עס קלינגט אין מײַנע אויערן דינהס אויסרופֿן: „קויפֿט פֿאַר אַלע קינדערלעך, קויפֿט קיכעלעך מיט זעמעלעך״, פּונקט אַזוי געדענקט זיך איר אינטערפּרעטאַציע פֿון יעקב שטערנבערגס „קאַטערינע מאַלאַדיצע״, און דער מעלאָדישער עכאָ פֿון „דאָס ליד איז געליבן, איז לעבט אויך דער ייִד״.

גאָר געראָטן גיט דינה איבער דעם שמועס פֿון דער מוסר־זאָגערין חנה און דער פֿאַרביטערטער, רעוואָלטירנדיקער גרונע אין „מוסר״ פֿון י. ל. פּרץ. אויב נאָך אין אַ קליינעם טייל פֿון איר רעפּערטואַר באַקומט זיך בײַ איר דער סינטעז פֿון סאַלאָן־פֿאַרלעזונג און טעאַטראַלע געשטאַלטיקונג, איז אַזאַ דער־שײַנונג אין „מוסר״ לגמרי נישט צו באַמערקן. דאָ הערן מיר און זעען אויס־שפּילן צוויי פֿאַרשיידענע כאַראַקטערן מיט אַלע זייערע פּיטשעווקעס.

געלונגען באַקומט זיך ביַי איר די נאָכדערציילונג פֿון שלום־עליכמס וווּנ־דערלעכן „שיר־השירים״. אין אַ קאָנדענסירטער פֿאָרעם גיט זי איבער די שטימונג אַרום דער נאַיִוו־ראָמאַנטישער אידיליע. געפּרעסט איז דער דיאַלאָג צווישן דער צײַטיק־געוואָרענער בוזיע און דעם פֿאַרליבטן, און לסוף אַנטוישטן שימעק. דינהן האָט זיך אײַנגעגעבן קלוג צו דערוויַיטערן די דאָ איבערפֿליסיקע פֿאָלק־לאָריסטיק און אַנעקדאָטיק פֿון דעם סיפּור־המעשה און דערביַי אָפּהיטן דעם ריטעם און די ספּעציפֿיק פֿון דער שלום־עליכמדיקער שפּראַך.

שלום־עליכמס „חרוסת״ אין דינהס אינטערפּרעטאַציע רופֿט אַרויס האַרציקע לאַכסאַלוון ביַים עולם.

דעם ערשטן טייל פֿונעם אָוונט האָט אויסגעפֿילט די אין לאַנד שוין באַקאַנטע פֿידל־שפּילערין עוואַ שטראַוס־מאַרקאָ. מיט אייניקע ווערק אויף יידישע טעמעס. זי האָט געשאַפֿן אַ גוטע שטימונג פֿאַרן ליטעראַריש־קינסטלערישן טייל פֿון דינה רויטקאָפּ.

אָט אַזוי געניסט מען און אַזאַ איז זי, די קינסטלערין דינה רויטקאָפּ.

„ישראל־שטימע״, 1974.3.20

Latvijas PSR Valsts filharmonija
Государственная филармония Латвийской ССР

Svētdien, — Воскресенье, 1962 g. г.

30.

septembri — сентября
plkst. **19.30** час.

Filharmonijas koncertzālē
Концертный зал Филармонии

Amatu ielā 6 — ул. Амату 6

אָוונט פון "יידישער ליטעראטור און מוזיק

ĒBREJU LITERATŪRAS UN MŪZIKAS VAKARS
ВЕЧЕР ЕВРЕЙСКОЙ ЛИТЕРАТУРЫ И МУЗЫКИ

DINA ROITKOP

(mākslinieciskais vārds)

ДИНА РОЙТКОП

(художественное слово)

Koncertā piedalās

Natālija Šrēdere
(klavieres)

Valdis Bergs
(vijole)

В концерте участвуют

Наталия Шредер
(ф-но)

Валдис Берг
(скрипка)

Programmā — В программе

I. L. Perecs, Šolom-Aleihem, P. Markišs, E. Fininbergs, I. Rabins, M. Razumnijs, M. Teifs u. c.
Bloha, Kreina, Engeļa un citu komponistu skaņdarbi

И. Л. Перец, Шолом-Алейхем, П. Маркиш, Е. Фининберг, И. Рабин, М. Разумный, М. Тейф и др.
Произведения Блоха, Крейна, Энгеля и других композиторов

Biļetes pārdod Filharmonijas kasē Amatu ielā 6 no plkst. 11 līdz plkst. 20. Pēc trešā zvana ieeja zālē tiek pārtraukta
Билеты продаются в кассе Филармонии ул. Амату 6 с 11 до 20 час. Вход в зал после третьего звонка прекращен

אריקה עוזרמן

המעגל נסגר

הן יושבות על כיסוי מיטה פרחוני בחדר־שינה חמים, עיניהן לחות. שתיהן חברות ותיקות מריגה: האחת היא נחמה ליפשיץ, השניה, דינה רויטקאָפּ, שחקנית, קריינית, תלמידה לשעבר בסטודיו לאמנות של מיכאלס במוסקבה ואשתו של אליעזר פודריאצ׳יק, סופר, מבקר וחוקר יהודי־רוסי.

לפני שנתיים ישבו שתי הנשים, נחמה ודינה, כמעט באותה תנועה. שתיהן בכו ודינה ארזה את חפציה של נחמה. שנים אחדות עבדו והופיעו יחד בקונ־צרטים, כשדינה מציגה את שיריה של נחמה ברוסית וקוראת בין השירים קטעים מכתבי פרץ, שלום עליכם וסופרים יהודיים אחרים.

בחדר הסמוך שבדירתה של נחמה יוצאים ונכנסים ידידים, חברים מילדות ועמיתים לכתיבה של אליעזר. עד הימים האחרונים בריגה כתב ל„סובייטיש היימלנד", כתב־העת הרוסי באידיש. בטור שלו סקר פעילויות בספרות האידיש והציג את מחקריו בהיסטוריה שלה.

היה זה יום נרגש מאד לזוג, שנפגש סוף־סוף עם המשורר אברהם שלונסקי. „בשבילי זה היה מאורע גדול", אומר אליעזר פודראצ׳יק. „למרות שאני נחשב לדברן גדול, לא יכולתי כמעט לדבר... אחרי הכל, לא יכולתי לשכוח שעבודת הגמר שלי בבחינות הבגרות היתה על שיר של שלונסקי... ובכלל, את החוויות של עולה חדש קשה לתאר במילים..."

מספרת דינה: „אתמול הלכתי לראות את ,הבימה׳, פשוט לראות את הבנין... עמדתי מולו ובכיתי... הנה, התגשמות של חלום שטיפחתי מאז שהייתי ילדה וראיתי את רובינא ב,הדיבוק׳..."

דינה רויטקופּ מדברת לאט, אך העברית שבפיה רהוטה. היא נולדה ברז׳יצה, עיירה קטנה בלטביה, קטנה עד כדי כך שלא ראו בה הצגה ולא שמעו קונצרט.

„אם אספר לכם מה גרם לי שארצה להיות שחקנית, תצחקו", אומרת דינה. „זה היה בבית הכנסת שלנו, אליו היתה אמי לוקחת אותי תמיד. בעיירה שלנו, לא רבות מבאות בית הכנסת ידעו קרוא וכתוב. המנהג היה שאשה היודעת לקרוא, קמה וקוראת קטע מן התנ"ך. זה עשה עלי רושם עצום. הסתכלתי בפניהן של המאזינות. ראיתי אשה זקנה שדמעות בעיניה, אחרת שנאנחה אנחת צער כבדה, ושלישית שנעצה את עיניה בקוראת כמהופנטת... התחלתי לחלום שאוכל

לעשות כך לאנשים... לקרוא לפניהם. לגרום להם שייצמדו כך לכסאותיהם, שקועים בהזיות...״

דינה היתה אז בת עשר או שתים־עשרה. היא למדה בבית־ספר עברי ודיברה אידיש עם הוריה. אביה היה סוחר. אמנים לא היו במשפחתה. בגיל 17 החליטה לצאת לעולם הגדול וללמוד את אמנות התיאטרון. היא נסעה לריגה בלי כסף כמעט, רק עם צרור בגדים קטן. בריגה היה סטודיו לשחקני אידיש, במרתף קטן. דינה עבדה בבית־חרושת לגרביים ובערבים למדה בסטודיו.

שנה שלמה למדה שם, כשהיא חולמת על המרכזים הגדולים של אמנות התיאטרון. ב־ 1941, עם פלישת הגרמנים, ברחה לטשקנט. מיד כשהגיעה ראתה מודעות של התיאטרון המוסקבאי של מיכאלס, שהציג בטשקנט את תכניתו „כוכבים נודדים״. עוד באותו ערב רצה להופעה. אחד השחקנים סיפר לה שלמיכאלס יש בית־ספר גם בטשקנט.

„הלכתי להירשם, עברתי את בחינות הכניסה ותקופה חדשה החלה בחיי... שלמה מיכאלס היה הרוח החיה בסטודיו. הוא היה אדם גדול ושחקן גדול.

בטשקנט למדה דינה כל היום ועבדה בלילות. ב־1943 נסעה למוסקבה והמשיכה בלימודיה. כעבור ארבע שנות לימוד התקבלה לתיאטרון כשחקנית. בינתיים הסתיימה המלחמה. דינה נסעה לעיירת מולדתה, לראות מי נשאר בה. „לא מצאתי שם איש... כל המשפחה נהרגה בידי הנאצים. מכל הבית שלנו לא נותר דבר, אלא מלונת הכלב בחצר... אבל אפילו הכלב נעלם״.

אחרי המלחמה העלה מיכאלס הצגה יהודית גדולה. הוא רצה להראות שלמרות המלחמה וההשמדה, עם ישראל חי. „כל ההצגה היתה כמו חג אחד גדול, קרנבל עם שירה וריקודים... מין מחזמר, כמו שקוראים לזה עכשיו. אני זוכרת את תמונת הפתיחה. היינו לבושים בשחור ושכבנו על הרצפה. אחר־כך קמנו לפתע וכל אחד מאתנו הדליק נר. מיכאלס צעק לי מאחורי הקלעים: ,הסירי את הבעה הזאת מפניך!׳ ורק אז הבינותי את תפקידי. הוא לא רצה שנהיה עצובים. זאת היתה תחיה, מאורע שמח, חיים חדשים!״

בבית הספר של מיכאלס פגשה את בעלה, שהיה אחד המורים בו. הוא לימד ספרות, היסטוריה של הספרות האידית ושל התיאטרון האידי. אליעזר נולד בעיירה קטנה סמוכה לצ׳רנוביץ׳, למד בבית־ספר עברי ובישיבה ובזמן המלחמה הגיע למוסקבה.

בשנת 1949 סגרה הממשלה את התיאטרון היהודי. מיכאלס נרצח שנה קודם לכן. כתבי עת ועתונים יהודיים נסגרו. דינה ואליעזר פודראצ׳יק מצאו את עצמם

ללא עבודה ואף ללא חדר, כיון שעד אז קיבלו מגורים באמצעות התיאטרון. הם נסעו לריגה ועסקו בעבודה שחורה.

בשנת 1956 פגשה דינה את נחמה ליפשיץ, שהזמינה אותה להופעה עמה על הבמה. דינה ליוותה את נחמה בהופעותיה, נסעה אתה לווילנה ולערים אחרות והיתה לידידתה הטובה ביותר. „אילו באה אחותי לישראל בשבוע שעבר", אומרת נחמה ליפשיץ, „לא הייתי שמחה יותר. דינה היתה זאת שבכתה בדמעות מרות בשדה התעופה, אך אני הייתי זאת שהחנקתי את הבכי בכל כוחי... דינה, ארזה את מזוודותי לפני שעליתי ארצה ולא ידעתי מתי נתראה שוב... כמוה, גם אני השארתי שם את יקירי. אבל עכשיו הם באים, לאט לאט... תודה לאל על כך. עכשיו אינני בוכה עוד. אולי רק לפעמים..."

הזוג שהה בינתיים במרכז הקליטה בחיפה. דינה מקווה שתוכל להתחיל לעבוד בקרוב. „אני רוצה לשרת את עמי..." אך היא שואלת את עצמה אם העברית שבפיה מספקת לבמה הישראלית ואם תוכל לקבל עבודה באחד התיאט־רונים העבריים כאן. היא אינה רוצה לחזור לתיאטרון האידיש בישראל. לקרוא באידיש, כן. היא היתה רוצה להמשיך להציג לקהל את יצירותיהם של גדולי הסופרים באידיש.

אשר לבעלה, הוא רוצה להתיישב באיזה מקום ולנוח קצת מן החוויות הרגשיות הגדולות שעברו על הזוג מאז הגיע ארצה. אחר־כך ? הוא מקווה להמשיך במחקרו ובעבודתו הספרותית, להוציא לאור כתבי־יד מן המאה ה־18 שגילה, ועוד ועוד...

„לאשה", גליון מספר 1271 — 71.8.16

ביקור אצל א. שלונסקי (אוגוסט 1971)

מרדכי צאַנין

דינה רויטקאָפ אַלס רעציטאַטאָרין

דינה רויטקאָפּ, וואָס איז נישט לאַנג צוריק עולה געווען פון ראַטן־פאַרבאַנד, איז אַ דראַמאַטישע שוישפּילערין. פון די ווייניקע געלעגנהייטן, וואָס מיר האָבן געהאַט צו זען זי שפּילן אַ ראָלע האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז זי געהערט צו דעם קלאַס קינסטלערס, וואָס קענען פונאַנדערוויקלען זייערע אַרטיסטישע מיטלען בעיקר אין סצענישע ספּעקטאַקלען, ווו די ראָלע גיט אַ מעגלעכקייט פאַר נאַטירלעכע געמיט־גראַדאַציעס, פאַר לעבן אויף דער סצענע. אויף איר וואָרטקאָנצערט אין זאַל פון דעם „ליעסין־הויז" פאַרגאַנגענע וואָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש איר קינסטלערישע שול איז אַן אויסגעשפּראָכן דראַמאַטישע, פאַרמאָגט זי אויך טאַלאַנט פאַר ספּאָנטאַנישע געמיט־איבערגאַנגען, וואָס פאָדערן זיך אין רעציטאַציעס.

אויסער „דריי מוטערס" פון נתן אַלטערמאַן, איז די פּראָגראַם אירע, דעם אָוונט, באַשטאַנען פון שאַפונגען פון יידישע דיכטערס אין ראַטן־פאַרבאַנד: משה טייף, שיקע דריז, עזרא פינינבערג, אברהם גאָנטאַר און שלמה רויטמאַן. די לידער זענען פון פאַרשיידענעם זשאַנער: לירישע, הומאָריסטיש־שפּילעוודיקע און פאַטעטישע. דער איבערגאַנג, למשל, פון אַלטערמאַנס „דריי מוטערס" צו „אַ ניגונדל" פון שיקע דריז איז אַ דראַסטישער. אין ביידע פאָדערט זיך גאָר אַן אַנדער געמיט־עקספּאַזיציע. דינה רויטקאָפּ איז די איבערגאַנגען ביי־געקומען עלעגאַנט און מיט טאַלאַנט און אויך מיט חן. אין איין אויגנבליק האָט זי געענדערט די שטימונג אין זאַל, מיטגעריסן מיט זיך דעם צוהערער, וואָס האָט אַפילו נישט געפילט, אַז אָט איז ער געווען אין גאַנצן אין אַ דראַמעאַטמאָספער און שוין שפּילט זיך זיין געמיט מיט דעם דיכטערס לייכטע שפּילערייען. דינה רויטקאָפּ האָט געדאַרפט דראַסטיש איבערגיין נישט בלויז פון זשאַנער צו זשאַנער, אין ליריק, פאַרוואַנדלען יעדעס געלייענט ליד אין אַ מיניאַטור־דראַמע, צי מיניאַטור־קאָמעדיע, נאָר זי האָט אויך געדאַרפט בכלל ענדערן די שטימונג אין זאַל נאָך דעם ערשטן טייל, אין וועלכן עס איז אַרויסגעטרעטן די זינגערין חיה ריטאָוו.

חיה ריטאָוו האָט אַ זייער שיינע און האַרציקע שטים, נאָר איר רעפּערטואַר דעם אָוונט, אין רוסיש בעיקר, קאָנצערט־מאָטיוון און רוסישע ראָמאַנסן, איז גוט אין אַן אַנדער קאָנטעקסט ווי מיט רעציטאַציעס פון יידישער ליריק. נישט נאָר גייען נישט צוזאַמען אָט די צוויי „שותפים", נאָר עס זעט אויס קינסטלעך

און מיט כוח צונויפֿגעפּאַרט. עס איז זיך נישט פֿאַרצושטעלן, אַז חיה ריטאַוו זאָל נישט האָבן אין איר רעפּערטואַר קיין ייִדישע מאָטיוון. קינסטלערס דאַרפֿן זיך נישט בלויז פֿאַרלאָזן אויף זייער טאַלאַנט, נאָר זיי דאַרפֿן זיך אויך רעכענען דערמיט, צי האָט דער עולם דעם „טאַלאַנט" אויף איין און דעם זעלביקן אָוונט איבערגעוואָרפֿן ווערן אין אַזעלכע קאָנטראַסט־אַטמאָספֿערן, ווי רוסישע ראָמאַנסן און קאָנצערט־מאָטיוון און רעציטאַציעס פֿון ייִדישער ליריק.

דינה רויטקאָפּ האָט מיט טאַלאַנט שוין ביים ערשטן ליד, „אין וואַלד", פֿון עזרא פֿינינבערג, אַריינגעפֿירט דעם עולם אין איר אייגענער אַטמאָספֿער און מיט הצלחה אויסגעפֿירט איר רעפּערטואַר.

„לעצטע נייעס", 72.2.18

בקונצרט לטובת הועד למען החייל (תל־אביב, 1973.10.11)

שמעון קאַנץ

אַ שטים וואָס קומט פֿון דער טיף

ווייניק זענען הײַנט פֿאַראַן רעציטאַטאָרן פֿון יידישן ליד, וועלכע מען קען פֿאַרגלײַכן מיט דער קינסטלערין דינה רויטקאָפּ. איר פֿאַרבנרײַכע פּראָגראַם, איר פֿאַרשידנאַרטיקע טעמאַטישע עשירות, די סודותדיקע רייץ פֿון איר שוישפּי־לערישער אינטערפּרעטאַציע, איר קינסטלערישע פּערזענלעכקייט — זענען בכּוח צו האַלטן די צושויערס שעהען לאַנג אין שפּאַנונג.

צוהערנדיק זיך צו דינה רויטקאָפּס רעציטירן די שאַפֿונגען פֿון די דיכטערס דוד האָפּשטיין, שיקע דריז, גאָנטאַר, גרוביאַן, רויטמאַן א״א פֿונעם לעצטן דור יידישע שעפֿערס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, באַקומט מען דעם אײַנדרוק, ווי זי אַליין וואָלט געווען געשפּאַנט פֿונעם וואָרט־מאַטעריאַל, פֿון דער דיכטערישער אויטענ־טישקייט און יידישן טרויער, און זי געהערט צו די קינסטלערס, וועלכע זענען אומשטאַנד איבערצוגעבן די צושויערס די שפּאַנונג און דעם פֿאַרגעניגן, וואָס זי אַליין האָט פֿון רעציטירן אירע באַליבטע דיכטערס. סײַ בײַם אַרויסברענגען דעם שאַלנדיקן רוף אין פּאַטאָספֿולן און עקסטאַטישן ליד, ווי למשל, „לא אמות כי אחיה״, אָדער משה טייפֿס מיט טיפֿן טרויער דורכגענומענעם „ווילנער גערטל״, „קיכעלעך און זעמעלעך״ און סײַ אין די לידער פֿון שיקע דריז און עזרא פֿינינבערג, וואָס האָבן אין זיך די וואָרעמע און האַרציקע לירישקייט פֿונעם פֿאָלקישן ניגון — און דינה רויטקאָפּ פֿאַרלירט נישט קיין איין ניואַנס פֿונעם ציטערדיק־ליריש אין יעדן ליד — שטייט זי קיין מאָל נישט אָן אַ זײַט פֿונעם טעקסט, נאָר געפֿינט זיך אין אים אינעווייניק, אָטעמט מיטן ריטעם פֿון דער שאַפֿונג, און מיט אירע אייגענע רײַכע טענער פֿאַרשטאַרקט זי און אונטערשטרײַכט די לירישע אינטענסיווקייט און מוזיקאַלישקייט פֿון ליד, דעם אינעווייניקסטן זין אין דער בונטער פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון די מאָטיוון.

מיר האָבן געוווּסט, אַז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד לעבן יידישע דיכטערס, אָפּגעֿ־ראַטעוועטע פֿון דער סטאַלינישער שחיטה, וואָס שאַפֿן ניגלה און ניסתּר, אין דערוואַרטונג אויף עפּעס, וואָס זאָל עפֿענען פֿאַר זיי אַ וועג. דאָך איז אין דינה רויטקאָפּס אויפֿטריטן מיט זייערע שאַפֿונגען פֿאַראַן עפּעס פֿון התגלות. זי ברענגט אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן סײַ דאָס אָפֿענע און סײַ דאָס געהיימע, וואָס רײַסט זיך פֿון זייער באַפֿרוכפּערטער טונקלקייט, איז מרמז אין די זעונגען, וואָס זענען אַ מאָל אויס ווי פֿאַר דער צײַט אָפּגעריסענע פּירות פֿון צעשאָקלטעביימער. דינה רויטקאָפּס אינטערפּרעטאַציע גיט זיי קלאָרקייט און פּרעציזיע,

„דער בלינדער פּאַיאַץ" (רעזשיצע 1939)

ברענגט אַרויס דעם קלימאַט פֿון זייער אויפגעציטערטער וועלט און גאַרן נאָך פֿרײַעם שעפֿערישן אָטעם.

צו אַ הויכן גראַד מײַסטערישקייט איז דינה רויטקאָפּ דערגאַנגען אין רויט־מאַנס „די האַנגע". ווונדערלעך לײַכט זענען דורך איר געצייכנט די באַוועגונגען און אויפֿן פֿאַן פֿון דער מוזיקאַלישער באַגלייטונג הערט מען נאָך שטאַרקער איר קול, וואָס קומט פֿון דער טיף, אפֿשר נאָך פֿון טיפֿערע קוואַלן ווי דאָס וואָרט, און פֿאַרקלינגט, ווי אין דער ווײַטקייט, ערגעץ טיף אין געמיט.

„לעצטע נײַעס", 71.10.22

יוכבד בוקסר

האמנים באים

מר צפרוני, מנהל „הבימה", אומר: „אם באמנויות כמו נגינה וציור ניתן לדלג על קשיי השפה, הרי לגבי התיאטרון זו בעיית הבעיות. הלשון היא הכלי של השחקן, ובלעדיה אי אפשר למלא תפקיד. במידה שאלה שבאים יודעים את השפה העברית, אנו מצידנו מקבלים אותם. קחי לדוגמה את דינה רויטקופ, מדברת עברית והתקבלה מיד לתיאטרון".

לקחתי לדוגמה את דינה רויטקופ. נפגשתי אתה באחד מחדרי האיפור של „הבימה". היתה שעת בוקר סגרירית והכתלים החשופים של חדר האיפור היו חסרי זוהר תיאטרלי לחלוטין.

דינה דוברת עברית נאה ושוטפת, שעדיין לא הספיקה להתקלקל בארץ. „עליתי ארצה לפני שנה וחצי", היא מספרת. „באתי מן העיר ריגה. הופעתי בתיאטרון האידי על שם מיכאלס. אחר כך הופעתי בערבי קריאה ומשחק בקטעים מן הספרות האידית ביצירות משל שלום עליכם, י. ל. פרץ ובזמן האחרון משל הסופרים הסובייטים האידישיסטים, כמו פרץ מרקיש, קויטקו, הלקין, קושנירוב והמשורר דוד הופשטיין. הרוסים הרשו להקריא כל דבר שהודפס, אלא מה? היו קשיים עם האינטרפרטציה, כלומר — לתת לקהל להבין מה אני באמת רוצה לומר. כאן אני יכולה לדבר מכל הלב, להביע את כל הרגשות.

„בארץ הופעתי לראשונה באידיש ב,לא אמות כי אחיה' בבית לייסין, בקיבוצים, ובהיכל התרבות בלוויית צוות אמנים' יש כאן קהל לאידיש, למרות שאומרים שקהל זה אוהב דברים קלים, והזהירו אותי מפני כך. אבל מתברר שיש קהל, אמנם לא המון שמוכן לקבל גם דברים רציניים באידיש. עכשיו אני מתחילה גם בהקראות בעברית של שירי נתן אלתרמן ודליה רביקוביץ. ולעתיד אני מכינה את שלונסקי וש. שלום. בתחילה היו לי בעיות של טכסט. עכשיו אני מרגישה שהשפה כבר לא מגבילה אותי. כי עליך להבין, שבהצגה הטכסט מהווה רק חלק — יש גם תנועה, לבוש, תפאורה ועוד. ואילו בהקראה זה הכלי היחידי להתבטא.

„החיים הכי מעניינים לי היו במוסקבה. שם למדתי, היה לי המזל להיפגש עם אנשים מאוד מעניינים, הכרתי את הסופרים שאחר כך נרצחו. וכמה הצגות עשיתי תחת הבימוי של מיכאלס, ממנו למדתי הרבה מאוד. להכיר את כל האנשים האלה זה אושר. אני נכנסתי לסטודיו בסוף שנת 1941, ועד לחיסולו של מיכאלס ב־13 בינואר 1948 במינסק הרשו להציג הצגות של שלום־עליכם,



בחדר האיפור של „הבימה" (תל־אביב 1973)

ועל השואה. לאחר מותו היה גרוע מאוד, כמעט שלא בא קהל. אחר כך אסרו את זוסקין, אחד השחקנים הגדולים שלנו. ואחרי זה אסרו סופרים נוספים, ומ־49 כמעט ולא בא קהל. פשוט, פחדו. את התיאטרון סגרו באוקטובר 1949. בדיוק באותו זמן נולד לי בן. בעלי סופר אידישאי, שמו פּאָדריאַטשיק, והוא לימד את השחקנים אידיש. גם סתם נוער היה בא ללמוד את השפה. על עברית לא היה מה לדבר, למרות שבעלי היה גם מורה לעברית. אבל אנו הסתרנו את ידיעתנו בעברית. לבני קראנו אורי. ובכן, בעלי ואני אבדנו את כל משפחותינו. את אבי קראו ראובן, ואת אב בעלי קראו יצחק. בעלי הציע לעשות צירוף של אותיות ראשונות — ויצא אורי. שמחתי מאוד, כי גם אהבתי את שיריה של רחל. כשנתנו את השם החלטנו כל אחד בלב, שהילד יגיע ארצה. אלא

שלדאבוננו הגדול, לבני לא נותנים לצאת מריגה. הוא בן 23, וזאת בעייתי הקשה והחסרון של חיי. הדבר היחיד המחזיק אותי בחיים זו התקווה שיתנו לו לעלות ארצה.

„בינתיים אני חיה, עד שבני היחיד יבוא. רק העבודה בתיאטרון נותנת לי את האפשרות לעבור ימים קשים אלה".

„הקליטה שלנו בארץ היתה נורמלית", אומרת דינה, הנראית כוותיקה לכל דבר. „היה מזל שידענו את השפה. זאת הנדוניה שהבאנו. באנו עם ספרים. כך שנחסכה מאתנו הקליטה הלשונית. את לא יודעת כמה קשה לעולים חדשים שנופלים לעולם זר. הדירה זו בעייה קטנה. קיבלנו אותה בסופו של דבר. הקליטה הכי חשובה שלי היתה בעבודה. ו,הבימה' עשתה הרבה בשבילי. לא חשוב לי כרגע תפקיד קטן או גדול, העיקר שאני עובדת.

„מבחינה חברתית קל לנו מאוד. יש לי כאן חברים שלמדו עמי יחד בסטודיו של מיכאלס — בקר ורובינצ'ק. הרגשתי יחס טוב מכל השחקנים. יש לי גם חברים וותיקים ברחבי הארץ ובקיבוצים. אין לי שום בעיות חברתיות.

„את" מספר 72, אדר א'־ב' תשל"ג—מרץ 1973

יוסף גאָלדקאָרן

דער נס פֿון יידישן אות...

דאָס קינסטלער־פּאָרל, נייע עולים פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, דינה רויטקאָפּ און לייזער פּאָדריאַטשיק האָב איך באַזוכט אויפֿן דריטן טאָג נאָך זייער קומען אין לאַנד. „מיר לעבן נאָך ווי אין חלום — האָבן זיי געזאָגט — עס גלייבט זיך נאָך אַלץ נישט, אַז דאָס קומט פֿאָר אויף דער וואָר. מיר האָבן באַוויזן נאָר איין מאָל אַרויסגיין אויפֿן כּרמל. דאָ איז אַזוי שיין, אַז עס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. און דאָס אַלץ איז אייגנס, מיינס, אונדזערס... מיר האָבן נאָך אַלץ נישט קיין ווערטער פֿאַר דעם אַלעם".

דינה רויטקאָפּ איז אַ באַגאַבטע יידישע אַקטריסע פֿון געוועזענעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע. זי האָט באַקומען אין איר היים אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג און געענדיקט אַ העברעיִשע שול אין ריגע. אין 1940, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט פֿאַרנומען לעטלאַנד, האָט זי נאָך באַוויזן אַ געוויסע צייט צו שפּילן אין יידישן מלוכה־טעאַטער אין ריגע. דער גורל פֿון דער מלחמה האָט זי פֿאַרוואָרפֿן ווייט אין טאַשקענט, וווּ עס האָט זיך דאַן אויך געפֿונען דער קאָלעקטיוו פֿון יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע אין שפּיץ מיט שלמה מיכאָעלס. דאָרט איז זי אָנגענומען געוואָרן אַלס שילערין אין דער סטודיע ביים טעאַטער און שפּעטער ווי אַ מיטגליד פֿון קאָלעקטיוו.

עס האָט זיך דאַן אויסגעדאַכט, אַז עס האָבן זיך פֿאַר איר געעפֿנט גרויסע פּערספּעקטיוון, אָבער די פֿרייד פֿון שאַפֿן האָט געדויערט זייער קורץ. אין יאָר 1949 איז געקומען דער מאָרד איבער דער יידישער קולטור און דער ערשטער קרבן איז געווען שלמה מיכאָעלס און זיין טעאַטער. עס איז געקומען די צייט פֿון שווייגן...

צוזאַמען מיט איר מאַן לייזער פּאָדריאַטשיק, וועלכער איז געווען איינער פֿון די פּעדאַגאָגן אין דער סטודיע ביים מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, זענען זיי דאַן אַוועק קיין ריגע. ערשט אין יאָר 1960 האָט זי באַקומען אַ מעגלעכקייט צוריק אויפֿצוטרעטן אויף דער בינע. צוזאַמען מיטן יידישן זינגער פֿון ווילנע בנימין חיטאָווסקי ז"ל, איז דינה רויטקאָפּ אויפֿגעטרעטן מיט קאָנצערטן אין שטעט און שטעטלעך פֿון ליטע, לעטלאַנד און אוקראַיִנע און געבראַכט פֿאַר די דאָרטיקע יידן דאָס געלייטערטע יידישע וואָרט, נאָך וועלכן זיי זענען געווען אַזוי אויסגעהונגערט.

— אָבער די בעסטע יאָרן פֿון מיין אַרבעט אויף דער בינע — זאָגט דינה

רויטקאָפּ — זענען געווען די קאָנצערטן צוזאַמען מיט נחמה ליפֿשיץ. יעדער קאָנצערט אונדזערער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור, עס האָט זיך געפֿילט ווי עס פֿאַלט אָפּ די מחיצה צווישן אונדז און פּובליקום, פֿון איבער דער בינע־ראַמפּע איז דערגאַנגען צו אונדז דער וואַרעמער געפֿיל פֿון די צושויערס.

— פֿאַר אַ מענטש פֿון ישראל — גיט צו ה׳ לייזער פּאָדריאַטשיק — איז אפֿשר שווער דאָס צו פֿאַרשטיין. אָבער עס וועט נישט זײַן איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די קאָנצערטן פֿון נחמה ליפֿשיץ און מײַן פֿרוי דינה רויטקאָפּ האָבן דאַן געהאַט אַ מאָביליזירנדיקע ווירקונג. זיי זענען געקומען אין אַ צײַט, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצן פֿון נאַציאָנאַלער אויפֿוואַכונג בײַ די סאָוועטישע ייִדן. די דאָזיקע קאָנצערטן האָבן געוועקט צום טאַט, געהאָלפֿן דעם ייִד זוכן אַ וועג צו זיך אַליין. עס וועט נישט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אַ גרויסער טייל פֿון די הײַנטיקע קעמפֿערס פֿאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון די סאָוועטישע ייִדן, קודם־כּל צווישן דער יוגנט, האָבן אויף די דאָזיקע קאָנצערטן דערפֿילט דעם טעם און דעם זין פֿון ייִדישן וואָרט.

— נאָך דער עליה פֿון נחמה ליפֿשיץ — דערציילט דינה רויטקאָפּ — איז געווען שווער, כאָטש מיר אַלע האָבן זיך געפֿרייט מיט איר גליק, וואָס זי האָט זוכה געווען צו רעאַליזירן איר ציל. אָבער די מעגלעכקייט פֿון אונדזער עליה איז נאָך דאַן געשטאַנען אונטער אַ פֿראַגע־צייכן. דערווײַלע האָט מען געדאַרפֿט עפּעס טאָן, ווײַטער קאָנטינויִרן אונדזער אַרבעט. איך האָב זיך פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער זינגערין אַנגאַ שעווילאָוואַ, און נאָך אין יאַנואַר־פֿעברואַר פֿון הײַנטיקן יאָר האָבן מיר אָרגאַניזירט העכער 30 קאָנצערטן פֿון ייִדישן וואָרט און ליד אין די שטעט און שטעטלעך פֿון אוקראַיִנע און מאָל־דאַוויע.

לייזער פּאָדריאַטשיק איז ביז זײַן עליה קיין ישראל געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטערס אין מאָסקווער ייִדישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״. ער האָט דעביוטירט אין די יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די „טשערנאָוויצער בלעטער״. ער דערמאָנט ביז הײַנט מיט גרויס פּיעטעט דעם רעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל שמואל אַבאַ סופֿר, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן.

— איך בין אַ ייִד, וואָס האַלט נישט פֿון נסים — זאָגט אין שפּאַס לייזער פּאָדריאַטשיק — אָבער וואָס שייך דעם ייִדישן אות, בין איך שוין נישט איין מאָל געווען אַן עדות פֿון דערשײַנונגען, וועלכע מען קען פֿאַררעכענען נאָר צו דער קאַטעגאָריע פֿון נסים. דער ייִדישער אות האָט מיך אַפֿילו געראַטעוועט

פֿון טויט. דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פֿון דער היטלעריסטישער אינ־וואַזיע אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד אין יאָר 1941. איך בין דאַן געווען אַ לערער אין דער ייִדישער שול אין טשערנאָוויץ. צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים — לערערס, זענען מיר אַנטלאָפֿן צו פֿוס און אויפֿן וועג באַוענט צו קיִעוו האָבן מיר פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ באַזע פֿון סאָוועטישן מיליטער. עס איז געווען בין־השמשות, די רוסישע שפּראַך האָבן מיר נישט געקענט, זיי האָבן אונדז אָנגענומען פֿאַר שפּיאָנען און מיר האָבן אַפֿילו נישט געקענט אויפֿקלערן, ווער מיר זענען. פּלוצעם איז אָנגעקומען אַן אָפֿיציר, וועלכער איז ווײַזט אויס געווען זייער קאָמאַנדיר. היות ווי מיר האָבן אויך מיט אים נישט געקענט זיך דערדעדן, האָב איך אַרויסגענומען אַ באַשטעטיקונג פֿון דער שול, וווּ איך האָב געאַרבעט, וועלכע איז געווען געחתמעט מיט אַ ייִדישן שטעמפּל. ווי נאָר ער האָט דערזען די ייִדישע אותיות, האָב איך גלײַך באַמערקט ווי זײַן פּנים איז געוואָרן מילד. און פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אונדז באַהאַנדלט ווי צווישן ברידער ייִדן.

וואָס שייך דער נאַציאָנאַלער אויפֿוואַכונג פֿון די סאָוועטישע ייִדן און זייער קאַמף פֿאַר עליה, דערציילן דינה רויטקאָפּ און לייזער פּאָדריאַטשיק:

„די נאַציאָנאַלע אויפֿוואַכונג פֿון סאָוועטישן ייִדנטום דאַטירט זיך שוין נישט פֿון הײַנט. דאָס איז אַ פּראָצעס, וועלכער דויערט און פֿאַרטיפֿט זיך שוין במשך פֿון יאָרן. פֿון איין זײַט האָט דאָ געווירקט די אַנטשטייונג פֿון מדינת־ישראל, און פֿון דער צווייטער זײַט דער חורבן און דער מאָרד איבער דער ייִדישער קולטור און אירע שעפֿערס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

פֿאַראַן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד דרײַ קאַטעגאָריעס ייִדן: אַ קליינער שיכט פֿון פֿולשטענדיק אַסימילירטע, אַזעלכע ווי גענעראַל דוד דראַגונסקי, און אַנ־דערע, וועלכע האָבן מסכּים געווען מיט זייער גורל פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פֿאַרלייקענונג. בײַ די דאָזיקע מענטשן רופֿט דער פּראָצעס פֿון נאַציאָנאַלער אויפֿוואַכונג בײַ די סאָוועטישע ייִדן אַרויס אומרו און פּחד. דער דאָזיקער אומרו איז אפֿשר אויך אַ רעזולטאַט פֿון אינעווייניקע נשמה־צעריסעניש, וואָס האָט זיכער אַן אָרט אַפֿילו בײַ די דאָזיקע ייִדן.

פֿאַראַן אַ צווייטע קאַטעגאָריע: דאָס זענען פּשוטע פֿאָלקסמענטשן, וועלכע זענען נאָך באַהערשט פֿון שרעק, אָדער האָבן שוין נישט קיין כּוח אַנצוהייבן פֿון דאָס נײַ. אין אַ גרויסער מאָס זענען דאָס מענטשן, וועלכע האָבן שוין פּענסיע און זענען מסכּים מיטן גורל, צו פֿאַרבלײַבן אין גלות, אָבער זיי זענען מיט זייער גאַנצן וועזן, מיטן גאַנצן האַרצן אין ישראל. אויך דעם דאָזיקן ייִדן האָט ישראל געגעבן אַ געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלן שטאָלץ.



אַ חברטע איז „שולמית”, אין מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער (1944)

און צום סוף, די אַבסאָלוטע מערהייט סאָוועטישע ייִדן, און דער עיקר דער יונגער דור און די ייִדישע אינטעליגענץ. פֿאַר די דאָזיקע מענטשן, איז די 6־טאָגיקע מלחמה געווען אַן איבערבראָך אין זייער לעבן. זיי זענען געקומען צום באַוווּסטזייַן, אַז נאַציאָנאַלער קיום פֿאַר אונדזער פֿאָלק הייסט נאָר ישראל. און פֿון דאַנען דער אַזוי פֿאַרביסענער קאַמף, וועלכן קיין שום כוח איז נישט אומשטאַנד איַינצוברעכן. און דערפֿאַר קאָן מען זייַן אָפּטימיסטיש בנוגע די פּערספּעקטיוון פֿון עליה פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד”.

„לעצטע נייַעס”, 1971.8.18

י. שמולעוויטש

לאָזט אַרויס מײַן זון!

דינה רויטקאָפּ איז אַ באַוווּסטע קראַפּטיקע בינע־קינסטלערין. זי איז די פֿרוי פֿון דעם באַקאַנטן ליטעראַטור־קריטיקער און פֿאָרשער ל. פּאָדריאַטשיק. מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז דאָס פּאָרל געקומען פֿון סאָוועט־רוסלאַנד קיין מדינת־ישראל, וווּ זיי האָבן אויפֿגעבויט זייער נײַע, צופֿרידענע היים. איצט איז דינה רויטקאָפּ געקומען קיין אַמעריקע. זי איז אָבער נישט געקומען אַהער צו, כּדי דאָ אַרויסצוטרעטן פֿאַרן היגן ברייטן עולם אַלס קינסטלערין. ניין, נישט דאָס איז די סיבה פֿון איר איצטיקן באַזוך אין אַמעריקע. דער באַזוך פֿון דינה רויטקאָפּ דאָ איז גאָר אַן אַנדערער, אַ טרויעריקער און פֿון טראַגישער באַדײַטונג.

איצט איז זי דאָ אין אַמעריקע נישט ווי אַ קינסטלערין, נאָר אַלס פֿאַר־צווייפֿלטע ייִדישע מאַמע. זי איז געקומען אַהער צו, אין דער פֿרײַער מעכטיקער אַמעריקע, מיט אַ רירנדיקן רוף צו אַלעמען: „העלפֿט מיר ראַטעווען מײַן זון! פֿאַר וואָס בין איך אַזוי געשטראָפֿט? האָב איך דען ווייניק געליטן? איך בעט אײַך, העלפֿט ראַטעווען מײַן ליבן און איינציקן זון, וועמען די סאָוועטישע רעגירונג וויל נישט אַרויסלאָזן!“.

דינה רויטקאָפּ שטאַמט פֿון דעם שטעטל רעזשיצע, נישט ווײַט פֿון ריגע, אין לעטלאַנד. אין יאָר 1940 האָט די יונגע דינה פֿאַרלאָזט איר היימשטעטל. זי איז דעמאָלט געקומען קיין ריגע וווּ זי האָט אָנגעהויבן לערנען בינעקונסט אין דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער. עס איז אָוועק בלויז אַ קורצע צײַט און אַלץ איז אָבער געוואָרן צשטערט.

אין יוני 1941 — דערציילט די איידעלע ייִדישע פֿרוי — איז היטלער אומגעריכט אָנגעפֿאַלן אויף סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס מיינט אויך אויף לעטלאַנד, וואָס איז שוין דאַן געווען אונטער סאָוועטישער הערשאַפֿט. מען איז דערייבער אַנטלאָפֿן אויף דער גיך, אַנטלאָפֿן פֿון דער נאַציִשער געפֿאַר. צום סוף איז דינה פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם ווײַטן טאַשקענט, די הויפּטשטאָט פֿון אוזבע־קיסטאַן, אין סאָוועטישן מיטל־אַזיע.

— איך האָב שוין מער נישט געהערט — דערציילט די פֿרוי מיט טרערן אין אירע אויגן — וועגן מײַנע טײַערע נאָענטע. נאָך דער מלחמה האָב איך זיך דערוווּסט, ווי אַזוי די נאַציס האָבן אומגעבראַכט די ייִדן אין מײַן היימ־שטעטל. ווען די היטלעריסטישע רוצחים זענען אַרײַנגעקומען קיין רעזשיצע

האָבן זיי צונויפֿגעטריבן אַלע ייִדן אין דער דאָרטיקער טורמע. נאָך דעם האָט מען אַ טייל ייִדן אַרויסגעפֿירט אויפֿן ייִדישן בית־עולם, ווו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. אַ טייל ייִדישע מענער, פֿרויען, קינדער און זקנים זענען אַרויסגעפֿירט געוואָרן הינטערן שטעטל אויף די אַנטשיפּאַנער בערג און אויסגעהרגעט געוואָרן. צווישן די אומגעבראַכטע זענען אויך געווען מײַן טאַטע ראובן, מײַן מאַמע העניע, מײַנע צוויי שוועסטער, מײַן ברודער און פֿיל נאָענטע.

דינה רויטקאָפּ ווישט אויס אירע אויגן, זי לאָזט אַרויס אַ שווערן זיפֿץ און דערציילט ווײַטער.

געקומען קיין טאַשקענט, האָט זי דאָרט אָנגעהויבן לערנען אין דער דראַמאַטישער סטודיע בײַם מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער. דער דאָזיקער טעאַטער, אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דעם באַרימטן בינע־קינסטלער שלמה מיכאָעלס, איז דאַן געווען עוואַקויִרט אין סאָוועטישן מיטל־אַזיע. שפּעטער, נאָענט פֿאַרן סוף פֿון דער מלחמה איז דער טעאַטער צוריקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. אויך דינה רויטקאָפּ איז מיטגעפֿאָרן. אין מאָסקווע האָט זי שוין געשפּילט סטאַביל, ווי איינע פֿון אַנסאַמבל, אין דעם מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער. אין 1944 האָט דינה געהייראַט מיט דעם שוין דערמאָנטן ייִדישן ליטעראַטור־קריטיקער און פֿאָרשער ל. פּאָדריאַטשיק. ער איז דעמאָלט געווען באַשעפֿטיקט אין דעם מלוכה־טעאַטער ווי דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער לערער־אָפּטיילונג בײַ דער טעאַטער־סטודיע.

— ווי באַקאַנט — דערציילט דינה רויטקאָפּ — איז שלמה מיכאָעלס אומגעקומען בײַ געהיימענישפֿולע אומשטענדן אין מינסק אין אָנהייב יאַנואַר 1948, דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער האָט נאָך ווײַטער אַ ביסל עקזיסטירט, אָבער אונטער שווערע באַדינגונגען. אין דער זעלבער צײַט האָבן סטאַלינס אַגענטן שוין אומאויפֿהערלעך אַרעסטירט ייִדישע שרײַבערס, אַקטיאָרן, געלערנטע, קינסטלערס און קולטור־טוערס. און קיינער האָט נישט געוווּסט ווען עס וועט קומען זײַן ריי.

און אין דער זעלבער צײַט, אין 1949, ווען מען האָט געלעבט אין שרעק צוליב סטאַלינס מכשפֿה־געיעג אויף די ייִדישע שרײַבערס און קינסטלערס, האָט דינה רויטקאָפּ געבוירן אַ ייִנגעלע: אורי.

אַ ביסל שפּעטער איז דאָס פּאָרל מיט זייער נײַ־געבוירענעם קינד אַוועק פֿון מאָסקווע קיין ריגע. פֿון 1950 ביז 1958 האָט דינה געטאָן פֿאַרשידענע געווײַנלעכע און פֿיזישע אַרבעטן. אין יענער צײַט, קורץ נאָך סטאַלינס טויט, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן עפֿנטלעך מיט דעם ייִדישן וואָרט, איז דינה רויטקאָפּ געווען צווישן די ערשטע. זי איז אַרויס־

געטראָטן אויף פֿאַרשידענע ייִדישע אונטערנעמונגען מיט רעציטאַציעס, שפּיל, קינסטלערישן פֿאַרלייענען. זי איז אַרויסגעטראָטן אַליין ווי אויך מיט זינגערס און מוזיקערס. זי האָט אַרײַנגעבראַכט פֿרייד און דערהויבונג דעם ברייטן ייִדישן עולם. איר נאָמען אַלס גלענצנדיקע ייִדישע קינסטלערין איז געווען אומעטום גוט באַוווּסט.

— מיט עטלעכע יאָר צוריק — דערציילט דינה רויטקאָפּ — ווי נאָר עס האָבן זיך געעפֿנט אין סאָוועט־רוסלאַנד די טויערן פֿאַר ייִדן צו עמיגרירן קיין מדינת־ישראל, בין איך מיט מײַן מאַן געווען פֿון די ערשטע. מיר האָבן אָנגעגעבן אַ ביטע וועגן עמיגרירן קיין ישראל, אין אַפּריל 1971. צוויי חדשים שפּעטער האָבן מיר באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן. עס איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן דער גרויסער חלום פֿון מײַן לעבן, צו דערגרייכן דאָס ייִדישע היימלאַנד.

אין אויגוסט 1971 איז דינה רויטקאָפּ מיט איר מאַן אָנגעקומען קיין מדינת־ישראל. זי האָט גלײַך אָנגעהויבן שפּילן אין טעאַטער „הבימה“. העברעיִש קאָן דינה נאָך פֿון איר יוגנט. זי האָט געלערנט אין אַ העברעיִשער שול און דערצויגן געוואָרן אין ייִדיש־נאַציאָנאַלן גײַסט. איר מאַן ל. פּאָדריאַטשיק איז באַשעפֿטיקט אין דעם אוניווערסיטעט אין תל־אביב. ער טוט אַ וויכטיקע אַרבעט, אָבער אויף וויפֿל זײַן געזונט דערלויבט אים. דאָס איז דערפֿאַר ווײַל אין יאָר 1966 איז פּאָדריאַטשיק זייער שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין ריגע, אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע. ער איז איצט אַן אינוואַליד, וואָס אויך אַ מעדיציניִשע קאָמיסיע אין מאָסקווע האָט אים דאָס באַשטעטיקט אויף דעם גאַנצן לעבן.

אין פֿרילינג 1971, ווען דינה רויטקאָפּ מיט איר מאַן האָבן געמאַכט אַ ווענדונג צו דער סאָוועטישער מאַכט, אַז מען זאָל זיי דערלויבן צו עמיגרירן קיין ישראל, האָט דאָס זעלביקע אויך געוואָלט טאָן זייער זון אורי. ער האָט אָבער געהאַט שוועריקייטן. שפּעטער, אין יאַנואַר 1972, האָט ער אויך געמאַכט אַ ווענדונג צו דער סאָוועטישער מאַכט, אַז מען זאָל אים דערלויבן צו עמיגרירן קיין ישראל. זײַן שטרעבונג אין דעם איז געווען אַ נאַטירלעכע, ער האָט זיך געוואָלט פֿאַראייניקן מיט זײַנע ליבע טאַטע־מאַמע.

אוריס ביטע איז אָבער אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון דעם „אָוויר“ (סאָוועטישע עמיגראַציע־אָפּטיילונג). אורי האָט אַפּעלירט, אָבער מען האָט אויך זײַן אַפּעלאַציע אָפּגעוואָרפֿן. ער האָט זיך שוין פֿיל מאָל אין צווישנצײַט געווענדעט צו די סאָוועטישע מאַכטאָרגאַנען, אַז מען זאָל אים דערלויבן צו פֿאָרן צו זײַנע עלטערן. אָבער אַלע זײַנע ביטעס און אַפּעלאַציעס זענען ביז איצט אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

די פֿאַרצווייפֿלטיע מאַמע דינה רויטקאָפּ ווישט ווידער די טרערן פֿון די אויגן און זי זאָגט:

— שוין העכער דריַי יאָר ווי מיַין זון, אונדזער ליבער אורי פֿירט אַ געראַנגל אין ריגע כּדי זיך צו קענען פֿאַראייניקן מיט אונדז, זיַינע טאַטע־מאַמע. אָבער יעדעס מאָל פֿאַרצוימט מען פֿאַר אים דאָרט דעם וועג. מיַין זון איז אַ פּשוטער אַרבעטער. ער ווייס נישט פֿון קיין שום מלוכה־סודות. איז פֿאַר וואָס לאָזט די סאָוועטישע רעגירונג אים נישט אַרויס? איך מיט מיַין מאַן האָבן אין ציַיט פֿון דער מלחמה זייער פֿיל געליטן. אַלע אונדזערע נאָענטע זענען אומ־געבראַכט געוואָרן פֿון די רוצחישע נאַציס. מיר האָבן נישט קיינעם, דאָס איינ־ציקע וואָס מיר פֿאַרמאָגן איז אונדזער טיַיער איינציק קינד, איז פֿאַר וואָס אַזאַ אכזריותדיקע באַציִונג, פֿאַר וואָס לאָזט מען נישט אורין זיך פֿאַראייניקן מיט זיַינע טאַטע־מאַמע?!

די באַוווּסטע בינע־קינסטלערין, אָבער איצט פֿאַרצווייפֿלטע ייִדישע מאַמע, איז דאָ אין אַמעריקע אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער „נאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר סאָוועטישע ייִדן״. זי האָט דאָ באַגעגענישן מיט ייִדישע און נישט־ייִדישע פּערזענלעכקייטן, זי טרעט אויך אַרויס ביַי פֿאַרשידענע ייִדישע צוזאַמענקונפֿטן. דער איינציקער ציל דאָ פֿון דער דאָזיקער מאַמע איז צו אַפּעלירן צו אַלעמען, אַז מען זאָל העלפֿן איר זון אַרויספֿאָרן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד.

ווען דינה רויטקאָפּ איז אַרויס פֿון מיַין רעדאַקציע־צימער זענען אירע אויגן געווען באַנעצט מיט טרערן. ביטערע ייִדישע טרערן פֿון טרויעריקע ייִדישע אויגן. איך הער כּסדר אירע ווערטער און רוף:

— איך בין געקומען בעטן ביַי די אַמעריקאַנער מאַמעס, אַז זיי זאָלן העלפֿן מיר אין מיַין שווערן געראַנגל. העלפֿט אַז מיַין קינד זאָל אַרויסגעלאָזט ווערן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד, כּדי ער זאָל זיך פֿאַראייניקן מיט זיַינע טאַטע־מאַמע! איך בעט איַיך, העלפֿט!

זיסקה יפֿת

חבל על דאבדין

איך בין אויף צוויי־דריי יאָר יינגער פֿון דינה ז״ל. מיר שטאַמען ביידע פֿון איין שטעטל — רעזשיצע (רעזעקנע). געווען צוזאַמען אין דער באַוועגונג „נוער צופֿי־חלוצי״ (נצ״ח). דערנאָך זענען מיר ביידע אַוועק אין פֿאַרשידענע הכשרה־קיבוצים, ביז ס'האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און צע־שטערט אונדזערע יוגנטלעכע טרוימען.

רעזשיצע האָט פֿאַר דער מלחמה געהאַט אַ באַפֿעלקערונג פֿון צוועלף טויזנט איינוווינער, דאָס רוב יידן. געווען אַ יידישע גימנאַזיע, דריי וועלטלעכע גרונט־שולן, צוויי אויף יידיש, איינע אויף עברית (וווּ ס'האָט געלערנט דינה). און חוץ לזה — אַ „תורה ודרך־ארץ־שול״. עס האָט געברויזט מיט געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פֿון אַלע קאַליברען; ביתר, החלוץ, הרצליה, השומר־הצעיר, בונד, און אַן אָרגאַניזירטע ערלעכע יידישע חברה, וועמען עס האָט זיך געדאַכט אַז זיי דינען דעם אמתן גאָט, כ'האָב אין זינען אונדזערע אַמאָליקע אומלעגאַלע קאָמיוניסטן. די אַטמאָספֿער וואָס האָט געהערשט אין די אַלע באַוועגונגען, באַזונדערס אין אונדזער נצ״ח, האָט דערצויגן צו טרייַקייט און איבערגעגעבנקייט צום יידישן פֿאָלק, ליבע צו יידישער קולטור און צו ארץ־ישראל. דינה איז געווען פֿון די אַקטיווסטע חברות אין אונדזער סניף, זייַן לעבעדיקער אָטעם.

אין מייַן דמיון זע איך דאָס שטעטל אַ לעבעדיקס, מיט אַלע זייַנע יידן און יידענעס... אָט איז דער גרויסער געמויערטער בית־מדרש, וועלכן די פֿאַשיסטישע מחבלים האָבן פֿאַרברענט צוזאַמען מיט זייַנע מתפּללים. און דערנעבן, להבדיל, דער קלויסטער, וואָס שטייט נאָך ביז הייַנט און קלינגט אין אַ חגא, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען. און אָט איז דער שלאָסבאַרג. ניט ווייַט פֿון אים די פֿליעקשנער גאַס, פֿון וואַנען עס ציט זיך דער וועג צום יידישן בית־עולם, ווו עס איז לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן אַ גרויסער טייל רעזשיצער יידן.

ניט ווייַט פֿון בית־עולם געפֿינט זיך די צווייטע סאָלדאַטסקע גאַס און נעבן איר די פּאָזשאַרנע גאַס. מיט אַ הויך שטיינערדיק הויז, ווו עס האָט געוווינט דער פֿאַליציאַנט רופּייקאַ, וועלכער האָט אין 1941 יאָר זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין אויסמאָרדן דאָס יידישע רעזשיצע (צי איז בכלל געווען אַ ניט־יידיש רעזשיצע?). אויף דער זעלביקער פּאָזשאַרנע גאַס, ערגעץ צווישן



דינה (ערשטע לינקס) אין עלטער פֿון זעקס יאָר (רעזשיצע 1928)

ליפּשיצעס זייף־פֿאַבריקל און דעם מושב־זקנים האָט געלעבט די משפחה רויטקאָפּ.

דערמאָנט זיך מיר אַ בילד פֿון מײַן קינדהייט. איבער דער שטאָט האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג אַז אויף ראובן רויטקאָפּס הויף קומט פֿאָר אַ „ספּעקטאַקל“. בין איך אויך אַוועק אַהין. דער אַרײַנגאַנג אויף בילעטן. אַ סאַנטים פֿאַר אַ קינד, דרײַ פֿאַר אַ דערוואַקסענעם. איך האָב אין קעשענע ניט געהאַט קיין איין סאַנטים. בין איך דורכגעקראָכן דורך אַ שפּאַלט פֿונעם פּלויט. באַגעגנט האָט מיך אַ גרויסער קודלאַטער הונט. איך בין קוים אַ לעבעדיקער אַוועק פֿון אים און אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן עפּלבוים וואָס איז געשטאַנען דערנעבן.

זיץ איך מיר אַזוי אויפֿן בוים און באַטראַכט די „פּאַנאָראַמע“. אַרום און אַרום קינדער מיט טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס. אַלעמענס אויגן —

ווי צוגעקאָוועט צו דער בינע. די בינע — אַ קאַסטן. צוויי צעריסענע קינדער־דעקעס — דער פֿאָרהאַנג. אַ שטאַרקער קלאַפּ אין אַ פּאַן און דער פֿאָרהאַנג עפֿנט זיך. אויף דער בינע קינדער אין אומגעלומפּערטע לאַנגע קליידער און מיט פּנימער פֿאַרשמירטע מיט סאַזשע. אין מײַן זכּרון איז, צום באַדויערן, נאָר פֿאַרבליבן דער רעש פֿון די „אַקטיאָרן" אויף דער בינע און דער געפּילדער און געלעכטער פֿון די „צושויערס" אין גאָרטן. געדענקען געדענק איך אָבער גאַנץ גוט אַז די „גלאַוונע" פּרוזשינע פֿון דעם גאַנצן „ספּעקטאַקל", די הויפּט־זינגערין, הויפּט־טענצערין און הויפּט־שפּילערין איז געווען — דינה. און אַלט איז זי געווען דעמאָלט, דאַכט זיך, ניט מער פֿון אַ יאָר נײַן־צען.

...מיט יאָרן שפּעטער, ווען דינה איז שוין געווען אַ באַקאַנטע שוישפּילערין און פֿאָרלייענערין פֿון יידיש־קינסטלערישן וואָרט האָבן מיר זיך אָפּט באַגעגנט, און כמעט שטענדיק פֿלעגן מיר דערמאָנען אונדזערע אַמאָליקע ראָמאַנטישע רעזשיצער יאָרן.

הײַנט איז אַלץ שוין בלויז זכּרון. ניטאָ שוין אונדזער רעזשיצע. ניטאָ שוין אונדזער דינה. חבֿל. חבֿל על דאבדין.

דינה (14 יאָר) רעזשיסירט אַ פּורים־שפּיל (רעזשיצע 1936)

ב

יצחק פאַנער

בײַם פרישן קבר

ווען אַ יונגער מענטש שטייט אַ געבויגענער בײַם פרישן קבר פון אַ נאָענטן, וואָס איז בײַם שטאַרבן שוין געווען אַ שבֿע־ימים, זאָט אין יאָרן, אַ זקן, איז אויך דעמאָלט דער טרויער אַ געגוג נאַטירלעכער, אַ באַרעכטיקטער, וואָרעם טרויעריק איז דאָך אַלץ וואָס הערט אויף צו זײַן, וואָס פאַרגייט. אָבער ווען דער פאַל איז אַ להיפּוכדיקער, ווען אַ זקן איז מספּיד אַ פּאָר דער צײַט אָוועקגעגאַנגען מענטשן־לעבן, דאָן איז דער טרויער אַ צענפאַכיקער, אַ טראַגישער.

און אָט שטייט אַצינד איינער אַזאַ שבֿע־ימים־מענטש בײַם פרישן קבר פון אַ באַליבטער, טײַערער יונגער קינסטלערין, פון איינער וואָס האָט לויט די יאָרן געקענט זײַן זײַנע אַ טאָכטער. איז ווער קאָן מעסטן ווי גרויס ס׳איז אין דעם פאַל דער טרויער. ווי אויסערגעוויינטלעך די טראַגעדיע! אָבער נאָך פיל טראַגישער איז, ווען מען באַדענקט אַז אָט דעם אַזוי פּריצײַטיקן טויט האָט גורם געווען די בענקשאַפט פון אַ מאַמע נאָך אַ געליבטן בן־יחיד, וואָס איז פון איר אַזוי ברוטאַל, אַזוי באַוווסטזיניק אכזריותדיק אָוועקגעריסן געוואָרן!

אָט שטיי איך בײַ דײַן פרישן קבר, מײַן געליבטע און אַזוי פאַר־ערטע דינה, און געפין נישט קיין ווערטער אויף מספּיד צו זײַן דיך. ס׳דערגייט נישט צו מײַן באַוווסטזיין דער באַגריף, אַז דו לעבסט נישט מער, דינהלע, אַז דו שלאָפסט דעם אייביקן שלאָף!

אמתע קינסטלערס פאַרערט מען, אמתדיקע מענטשן האָט מען ליב. בײַ דינהן איז די קינסטלערין געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דעם מענטשן. זעלטן אַז אַ קינסטלערין זאָל אויסשטראַלן אַזוי פיל מענטשלעכע גוטסקייט, אַזוי פיל האַרציקייט, וואַרעמקייט, עכטקייט, אַזוי פיל חן — ווי דינה. און פּונקט ווי מיט אירע מענטשלעכע מעלות, איז זי געווען אויך באַשאָנקען מיט איר טאַלאַנט.

איז גאָר קיין חידוש נישט וואָס אין איר לוויה האָבן זיך באַטייליקט קאָרגע טויזנט מענטשן, און אַ סך טויזנטער וואָלטן זיך באַטייליקט, ווען דאָס וואָלט טעכניש מעגלעך געווען. ניין, ס׳איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָרעם אַחוץ איר סצענישן און וואָרטקינסטלערישן טאַלאַנט, האָט זי אויך געהאַט דעם עכטן טאַלאַנט צו געווינען הערצער פון מענטשן. איז ווי אַזוי האָט דאָס געקענט מעגלעך זײַן, אַז אַזאַ לויכטנדיקע העלקייט זאָל פּלוצלונג אַזוי פינצטער

ווערן? אַז אַזוי פיל וואַרעמקייט זאָל אויף איין מאָל אַזוי קאַלט ווערן! זי איז בײַ אונדז אין לאַנד געווען ווי אַ מעטעאָר וואָס לויכט אויף — לײדער, אויף באַלד אויסגעלאָשן צו ווערן.

ווי פאַרליבט זי איז געווען אין טעאַטער, האָט זי זיך קיין מאָל נישט געקריוודעט, זיך נישט באַקלאָגט, וואָס מ׳האָט איר צוגעוואָרפן קליינע ראָלעס.. די קלענסטע עפּיזאָדן־ראָלעס זענען אַ דאַנק איר טאַלאַנט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַדײַטנדיקע. די געשטאַלטן, וואָס זי האָט פון די קליינע ראָלעס געשאַפן, וועלן לאַנג בלײַבן אײַנגעקריצט אין זכרון און געמיט פון די טויזנטער באַזוכערס.

איינע פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויפגאַבעס האָט זי דער־פילט דערמיט, וואָס זי האָט אין אירע וואָרטקינסטלערישע אַרויסטרעטונגען אונדז באַקענט מיט דער נײַער סאָוועטיש־ייִדישער דיכטונג. און דערמיט אונדז איבערצײַגט, ווי שווער מיר האָבן געזינדיקט, ווען מיר האָבן צו אָט דעם ייִדיש־ליטעראַרישן נאָכוווּקס זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן. האָבן דאָך די ווייניקסטע פון אונדז געוווּסט וועגן אַזוינע דיכטערס ווי שיקע דריז, משה טייף, מאָטל גרוביאַן, קערלער און אַזוי פיל אַנדערע. און די וואָס האָבן פון אַזוינע נעמען יאָ געוווּסט, זענען געווען זיכער אַז אָט די ייִדיש־סאָוועטישע נײַע דיכטערס האָבן געזויגן פון דער יעווסעקישער מילך און זענען אין דעם גײַסט אויסגעוואַקסן.

איז געקומען דינה און אונדז איבערצײַגט אַז מיר האָבן נישט־דערשאַצט די דאָזיקע נײַע ייִדישע דיכטערס פון יענער זײַט אײַזערנעם פאָרהאַנג. בײַ איר קינסטלערישן אינטערפּרעטירן יענע דיכטערס זענען ווי דורך אַ כּישוף אָפּגעפאַלן די פרעמדע, דרויסנדיקע מאַסקעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן, און עס האָבן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט זייערע אייגענע, ייִדישע פּנימער. מיר האָבן פאַר זיך דערזען ברידער פון אונדזער פלייש און בלוט, דיכטערס וואָס זענען טיף פאַרוואָרצלט אין ייִדישן לעבן!

איז ווען איצט אויסדריקן די אָנערקענונג פאַר דעם גרויסן פאַרדינסט? אַז די וואָס האָט אָט די וויכטיקע אויפגאַבע דערפילט מיט אַזאַ קינסטלערישער שלמות, איז מער נישטאָ, אַז זי איז פון אונדז אַזוי אומברחמנותדיק און אומ־דערוואַרט, פלוצלונג אַוועק, אויף אייביק אַוועק!

און אויב ס׳איז פאַראַן אַ טרייסט פאַר דעם אַזוי פאַראַבלטן לעבנס־חבר אירן, פאַר מײַן פרײַנד לייזער פּאָדריאַטשיק, אַזוי וועט דאָס זײַן דער בן־יחיד וואָס איז איצט אויפן וועג צו זײַן טאַטן. אָט דער זון, צוליב וועמען זײַן מאַמע

אַ שמשל אין „פֿריילעכס" (מאָסקווע 1946)

האָט, אין איר גרויסער פּאַרצווייפלטער בענקשאַפֿט נאָך אים, באַצאָלט מיט איר יונגן לעבן.

דער אַזוי טראַגיש אויסגעבענקטער זון וועט נישט קענען ווערן דער באַלזאַם אויף אויסצוהיילן אין גאַנצן דעם טאַטנס זעלישע וווּנדן, אָבער זײַנע ווייטיקן באַדײַטנדיק פֿאַרגרינגערן, וועט ער יאָ קענען.

און אויב ס'איז פֿאַראַן נאָך אַ טרייסט פֿאַר דעם זעליש פֿאַרוווּנדעטן לײַזערן, אַזוי זאָל דאָס זײַן די עובֿדה, וואָס צוזאַמען מיט אים טרויערן נישט נאָר זײַנע קרובֿים און נאָענטסטע פֿרײַנד, נאָר אויך פֿיל טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן גענאָסן פֿון דינהס סצענישע און וואָרטקינסטלערישע אויפֿטריטן.

אויך פֿאַר זיי אַלע וועט איר געשטאַלט בלײַבן אומפֿאַרגעסלעך.

הירש אָשעראָוויטש

אַ טראַגישע געשטאַלט

אוודאי נעם איך זיך ניט די העזה צו טראַכטן, אַז איך בין געווען פון דינהס סאַמע, סאַמע נאָענטסטע.

דינה האָט כל־ימי־חייה געהאַט חברטעס און חברים, מיט וועלכע זי איז געווען געבונדן מיט דער ענגסטער און נאָבלסטער פרײַנדשאַפט, אָבער שוין באַלד דרײַסיק יאָר ווי דינהס אימפּאָזאַנטע געשטאַלט האָט פון צײַט צו צײַט אויפגעטויכט פאַר מײַנע אויגן; ביז לעצטנס זײַנען מיר שוין געבונדן געווען אויך מיט געמיינזאַמער ישיבת־קבע. מײַנע באַגעגענישן מיט דינהן זענען יאָר־צענדליקער געווען נאָר עפּיזאָדישע, און ווען איך צי אָצינד אונטער אַ סך־הכל, זענען זיי תמיד געווען באַווייעט מיט טראַגיק.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דינהן באַגעגנט אויף אַ יום־טובדיקן אויפנעם, בעתן באַזוך פון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין ווילנע. דאָס איז געווען, דאַכט זיך, אין יאָר 1946. פון די געסט האָבן זיך באַטייליקט: מיכאָעלס, זוסקין, פעפער און דינה. פון די ווילנער שרײַבערס — איך. דאָס איז געווען אַ מאַלצײַט כיד־המלך — מיט די בעסטע מעדנים און משקאות. אַ יום־טוב פון העכסטן גראַד. און דאָך האָט געהויערט איבער דער סעודה אַ פינצטער פאַרויסגעפיל, וואָס איז געווען די תוצאה פון דעם, וואָס דעם טעאַטער איז דערמעגלעכט געוואָרן קומען קיין ווילנע בלויז מיט אַ פראַגמענט פון דער שטעלונג „פריילעכס".

אויב דאָס דאָזיקע באַנקעט־באַגעגעניש איז געווען באַוואָלקנט מיט ייִדן־קריוודע, הײַנט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן אַלע מײַנע נאָכדעמדיקע באַגע־גענישן מיט דינהן אין ריגע, מאָסקווע און ווילנע, ווו זי איז אויפגעטראָטן בעת גאַסטראָלן לכתחילה מיט נחמה ליפשיץ און דערנאָך מיט בנימין חיטאָווסקי ז״ל, אָדער סאָלאָ. די פינצטערע לאַגע פון דער ייִדישער קולטור און דינהס שאַפע־רישער ייִהוד — דער דראַמאַטיזם — האָבן גורם געווען אַז אירע פאַרלייענישן האָבן ממש געקניפּן איטלעך האַרץ וואָס האָט געפילט ייִדיש...

אין מסכת סנהדרין זענען אויסגערעכנט ארבע מיתות בית־דין: סקילה, שׂרפה, הרג וחנק. דער בית־דין־קטלן — דער גורל, האָט אויסגעפּירט איבער דינהן ביידע ערשטע צוויי — געוויס שווערסטע — פּסקן: סקילה ושׂרפה...

סקילה — ער האָט זי פאַרשטיינט מיט אָן אַ שיעור פורעניותן. זינט איר ווערן אַ שווישפּילערין האָבן ווי שטיינער זיך אַ שאָט געטאָן אויף איר

צרות פון כלל־ישראל און ווי אַ תוצאה דערפון אויך פון איר אייגענעם לעבן. עס איז געקומען דערצו, אַז לעצטנס איז עס אין קאַמף פאַרן אויסלייזן איר זון (שנשבה בין הרשעים) דערגאַנגען אַזוי ווייַט, אַז אַפילו די צענדליקער בריוו פון אַמעריקאַנער סענאַטאָרן, וואָס אין תוך גענומען זייַנען זיי דאָך געווען דערמונטערנדיקע, האָבן אויפגערודערט איר נשמה, אַז זיי זענען געוואָרן ווי סקילה־שטיינער וואָס זעצן איבערן קאָפּ. הייַנט די קינסטלערישע קליטה, וואָס איז מכמה וכמה סיבות אויך גאַנץ אָפט אַ שטיינער־האָגל איבערן קאָפּ פון אַ נייַעם עולה, וואָס פילט לגבי זיך אַ באַציִונג ניט נאָר פון אַ „שמאל דוחה וימין מקרבת", נייַערט אַפילו אַ „ימין דוחה ושמאל מקרבת".

איז סקילה אַייך ווייניק? האָט דער אומרחמנותדיקער גורל נאָך געהאַט פאַר איר אויך דעם פסק פון שׂרפה. דינה איז געווען אַ מענטש וואָס האָט איבערגעלעבט אַלץ מיט אינעווייניקסטער ברענונג. און הגם זי איז געווען אַ מענטש פון אויסערגעוויינטלעכער אָפּנקייט, וואָס דאָס איז על־פּי רוב דאָך גורם אַ געוויסע אויסלאָדונג פון אינעווייניקסטן דרוק, איז אָבער איר אינער־לעכע שפּאַנונג געווען אויף אַזוי ווייַט שטאַרק, אַז עס האָט געפלאַקערט אין איר אַ שייַטער און עס איז חל געווען אויף איר די צווייטע פון די פיר מיתות־בית־דין — שׂרפה. סקילה אַליין איז דאָך איבער געגנוג, הייַנט ווער קען אויס־האַלטן סקילה ושׂרפה??

דינה איז געווען אַ שוי־שפּילערין אַ דראַמאַטישע מיט אַ בולטער נטיה צו טראַגיק. זי איז געווען אַ יידישע טאָכטער פון דער שואה־תּקופה און דער פּערימאַטאַ פון איר לעבן איז אַ שואה! אַ שואה פאַר אירע אייגענע, פאַר אירע פרייַנד און פאַר אַלע וואָס האָבן געשעצט איר אַרטיסטישן טאַלאַנט.

גלייַך נאָך מייַן עולה זייַן האָב איך פון אַזוי פיל ותיקים געהערט ממש באַגייַסטערטע אָפּרופן וועגן אירע אויפטריטן, וואָס האָבן מיט זייער טראַגיק און אויפריכטיקן ווייטיק ממש עלעקטריזירט!

איך וועל אַוודאי באַגיין אַ חטא לא יכופר, אויב איך וועל אין דער דאָזיקער טרויער־שעה נישט באַדאַנקען דינהן פאַר איר האַרציק פאַרלייענעו מיינע לידער, באַזונדערש „נאָכן חורבן", וואָס זי האָט אַזוי פיל מאָל געלייענט אין אומצאָליקע חורבן־ערטער. אַ גרויסן, גרויסן דאַנק דיר, דינה! סייַ אין מייַן נאָמען, סייַ אויך אין נאָמען פון צענדליקער דיכטערס, וואָס האָבן נישט די מעגלעכקייט עס צו טאָן.

טרייסט איז אַוודאי די סאַמע ניט־עפעקטיווסטע זאַך וואָס איז פאַראַן אין דער וועלט, און דאָך כאַפּט מען זיך אָן אין איר אין שעהען פון אומגליק, ווי אין קרנות המזבח. איז לאָמיר טרייסטן דינהס לעבנס־שותּף — אונדזער חבר

לייזער פּאָדריאַטשיק, איר ברודער שמעון, די שוועגערינס און פּלימעניקעס און אַלע, אַלע פֿרײַנד דערמיט וואָס דינה איז געווען אַ מענטש ביז גאָר אויפֿריכטיקער און געטרײַער, אַ קינסטלערין וואָס האָט געהאַט צו קונסט אַ באַציִונג ווי צו אַן עבֿודת־הקודש און וואָס האָט דעם לייבנטייל פֿון איר קינסטלערישער טעטיקייט געווידמעט דעם בראָך פֿון פֿאָלק, ביז זי איז אַליין אײַנגעבראָכן געוואָרן...

יאָ, די טרייסט איז ניט פּראָפּאָרציאָנאַל צום אָנווער! אָבער דערפֿאַר קען מען שטאָלץ זײַן מיט דינהס ערנצטן צוגאַנג צו אַלץ וואָס זי האָט געטאָן אויף דער בינע!

ליידער, ליידער קען מען בשום־אופֿן איצט שוין נישט זאָגן דינהן: „עורי, עורי, שיר דברי!״. ניטאָ מער קיין „עורי, עורי״ מיט „עיינס״, איז לאָמיר זאָגן „אורי, אורי״ מיט אַלפֿס. איר אוריס קומען אַהער וועט דאָך זײַן די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דינהס גרעסטן טרוים און אין אורין וועט זיך געשטאַלטיקן אין לאַנד דינהס לעבעדיקער המשך. יאָ, טרוימען ווערן זייער אָפֿט מקוים צו שפּעט, אָבער זייער מקוים ווערן איז אַ סאַטיספֿאַקציע, אויב שוין ניט פֿאַרן טרוימער גופֿא, איז כאָטש פֿאַר זײַן ווילן און זײַן אָנדענק!

דוד ספּאַרד

אַ לעצטע באַגעגעניש

אין אָנדענק פֿון דער שױשפּילערין
דינה רױטקאָפּ

בת־ים, 12טער אױגוסט. שפּעטע נאַכט.
אױפֿן טיש אַ יאָרצײַט־ליכטל ברענט,
שטײט אױסגעצױגן אױף דער טרױערװאַך.
זײַן פֿלאַם
ראַנגלט זיך מיט װינטלעך פֿונעם ים,
מיט שאָטנס אױף די װענט,
גײט מיט זײ אין אַ געװעט
און אַלץ אַרום באַלײַכט מיט אױסטערלישער שײַן
פֿון פּחד און פֿון גבורה,
פֿון אױסדערװײלטקײט און פֿון פּײַן.

די פֿאַרזאַמלטע אױף דער אזכּרה
פֿון דערמאָרדעטן פּאָעט
זענען שױן פֿון לאַנג צעגאַנגען זיך אַהײם,
נאָר זי איז נאָך פֿאַרבליבן
אין די אָבלדיקע שטיבן
און שװײַגנדיק־געהײם
זיך אײַנגעהאָרכט אין שטילקײט פֿון דער גאַס.
איר אומעטיק געזיכט
איז אין סודותדיקן ליכט
געװען פֿאַרטראַכט און רויִק,
נאָר טױטלעך־בלאַס,
נישט־דאָיִק,
און הילפֿלאָז־איבעריקע
זענען אױף דער קני
געלעגן אירע הענט.

אין אומעט האָט מײַן האַרץ פֿאַרקלעמט,
כ'האָב צו איר געגעגנט
און געזאָגט:
— אַט באַלד שוין טאָגט,
די ביימערקרוינען זענען שוין צעוועקט,
די כוואַליעס צערטלען שוין דעם דרימלענדיקן ברעג,
נאָר אַ ווײַל און ס'וועט דער גאַנצער מיזרח שטיין אין זונענבראַנד.
און איר זענט אַלץ נאָך אין אַ ווײַטן חלום־לאַנד,
נישט הי...

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט
און שטיל, מיט ציטערדיקע רייד
צו מיר געזאָגט:
— בײַ עמעצן קאָן זײַן שוין טאָגט,
בײַ מיר איז אַלץ נאָך נאַכט...
מ'האָט מיך מיט מיר אַליין צעשיידט,
מ'האָט מיך פֿון מיר אַליין פֿאַרטריבן,
איז בלויז דער חלום מיר פֿאַרבליבן,
מײַן איינציק גליק — —

און ווידער האָט איר בליק
געווענדט צו אומבאַשטימטער ווײַט,
ווי אויסגעטאָן פֿון אָרט און צײַט,
אַלץ מער אין זיך אַליין אַרײַן.

אין שויב האָט זיך צעגרויט דער הימל.
די ליכטלעך האָבן זיך געשמעלצט אין שײַן
און טרער נאָך טרער געטרערט.
די פֿרוי פֿון דעם פּאָעט
האָט אַ מידע אײַנגעדרימלט.
נאָר וואָס מיר ביידע האָבן שטיל צווישן זיך גערעדט
אין די פֿאַרטאָגיק־אומעטיקע שטיבן —
האָבן די שאָטנס אויף די ווענט געהערט
און אויף די ווענט פֿאַר דעם ליד פֿאַרשריבן.

צווישן שרײַבערס און קינסטלערס (דינה — די פינפטע פון לינקס), תל־אביב 1972

מאַטל סאַקציער

פרומקייט און ערלעכקייט

אין יענעם טאָג ווען זי איז אַוועקגעפאַלן, געטראָפן ווי פון אַ דונער, און זי איז מיט אַ מאָל באַפרײַט געוואָרן פון אירע גרויסע מוטערלעכע זאָרגן, און אויך פון אירע נישט־קליינע עגמת־נפשן, פאַרבונדענע מיט איר באַרוף פון אַ קינסטלערין — אין יענעם טאָג האָט זי נאָך באַוויזן אַרײַנצוקוקן אין פריש דער־שינענעם נומער „די גאָלדענע קייט" און זיך דעלעקטירט מיט דער דערציילונג פון י. באַשעוויס „תאוות". דאָס איז אַ דערציילונג וועגן מענטשן באַהערשטע פון אַ חלום, פון אַ פיקס־אידייע, פון אַ דערהויבענער און דערהויבנדיקער תאווה. כּדי זי צו פאַרווירקלעכן שטעלן זיך אַזעלכע „באַהערשטע" פאַר גאָר־נישט ניט אָפּ. זיי ברעכן דורך די שווערסטע פאַרצוימונגען, זיי גייען אויף מסירת־נפש, אויף קידוש־השם.

זי האָט געלייענט די דערציילונג מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און געזען עפּעס קרובהדיקס צווישן זיך מיט יענע אויסטערלישע באַשעוויסע געשטאַלטן.

זי האָט אויך געהאַט אַ תאווה. זי איז געווען באַהערשט פון איר פון אירע יונגמיידלשע יאָרן אָן, פון דער שולבאַנק. דאָס איז געווען די תאווה צו דער בינע, צו דער קונסט פון פאַרוואַנדלונג, פון איבערגעשטאַלטונג.

זי האָט פאַרענדיקט די יידישע טעאַטער־סטודיע, זיך אײַנגעגלידערט אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער און האָט נאָך באַוויזן עטלעכע יאָר צו דינען מיט אמתער דבקות איר געטין מעלפּאָמענע. זי האָט אויסגעשפּילט אירע איי־גענע בענקשאַפטן, אירע חלומות און איר גלויבן, ביז יענער נאַכט פון דער טראַגישער אינטערמעדיע פאַר די יידישע קולטור־שעפערס און קינסטלערס, ווען דער פירהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און ס'איז געקומען יענע מאַקאַברישע הפסקה...

אָבער אויך בעת יענער לאַנגער הפסקה האָט דער טיף אין איר זיצנדיקער דיבוק זי נישט פאַרלאָזט. זי האָט געהאַפט אויף אַן איבערבײַט, זי האָט געהאָפט אויף אַ ליכטיקן באַגינען, און זי האָט נישט אויפגעהערט זיך גרייטן צו אים מיט דער באַהערשטקייט און עקשנות פון יענע וואָס גיבן זיך נישט אונטער. זי האָט טאָג־טעגלעך אָנגעסטראָיעט איר כּלי, געפּרוּווט די סטרונעס, אויפגע־וועקט יענע דממה־דקהדיקע, ליריש־דראַמאַטישע, די ווולקאַניש־פּאַעטישע אויפגעבורויזטקייט אין די סטראָפן פון יענע דיכטער־מאַרטירערס, וועמעס טראַגישער סוף איז נאָך געווען איינגעהילט אין סוד און זי האָט זיי געלייענט

פאַר זיך ווי תּפילות, ביחידות, באַהעפטנדיק זיך מיט זייער אָטעם. זי האָט מאַדולירט יעדעס וואָרט, זי האָט, אַזוי ווי מ׳האָט זי געלערנט, לויטן סטאַ־ניסלאַווסקי־סיסטעם, געזוכט אין יעדער שורה דעם אונטערטעקסט, דאָס אין די לידער פאַרטייַעטע — די כּוונה. די טעקסטן זענען געווען פאַר איר קדשי־קדשים. זי האָט זיי פאָרגעטראָגן מיט אמתער פרומקייט, דאָס איז געווען נישט שוישפּיל, דאָס איז געווען עבודה.

אַזאַ האָב איך זי געזען שוין נאָך דעם סטאַלינישן שואה־פּעריאָד, ווען זי האָט מיט דער באַרימטער זינגערין נחמה ליפשיץ אַרומגעוואַנדערט איבער די שטעט פון דער גרויסער מדינה. נחמה האָט אַרויסגעיאָמערט דעם צער־און־צאָרן פון דער באַבי־יאַר־טראַגעדיע, אויסגעוויינט די אַלטע ייִדישע קריוודע צום כּביכול אין „למה עזבתּנו״־געוויין און דינה האָט געדאַוונט פון דעם געשענדעטן און פאַרבלוטיקטן ייִדישן פּאָעזיע־סידורל מיט אַ פאַרצאַפּלט, ציטערדיק קול.

כאָטש ס׳איז שוין געווען דער אַזוי־גערופענער „לינדערונג״־פּעריאָד, האָט מען געדאַרפט קעמפן פאַר אַזעלכע קאָנצערטן. דאָס האָט געקאָסט נישט ווייניק שפיכת־דמים. מ׳האָט אויך געדאַרפט האָבן מוט צו קומען מיט פּאָעזיע דווקא צו אַ פּובליקום וואָס האָט אין גרעסטן טייל, אויב נאָך גוט געהערט ייִדיש, שלעכט געהערט דיקטונג. אָבער זי איז געווען אומפּשרהדיק. זי האָט געלייענט און געצוווּנגען זי אויסצוהערן. און איר צאַפּל און ציטער האָט דערקלונגען און אַרויסגערופן אַ בת־קול אין די הערצער און דערשיטערט. זי האָט געדאַרפט שטאַרק גלייבן, אַז די זאַך וואָס זי טוט איז נישט קיין פּשוטע זאַך — דאָס איז מוטיקער ייִדישער טאַט, און אין יענע באַדינגונגען — אַפילו העלדישער טאַט.

זי איז אויפגעטראָטן מיט פאַרלעזונגען און געבענקט נאָך טעאַטער. און ווי נאָר ס׳האָבן זיך געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען אַרויסצורייַסן זיך פון „יענעם לאַנד״ ווו עס „אָטעמט אַזוי פרײַ דער מענטש״, האָט זי מיט איר מאַן דעם שרייַבער ל. פּאָדריאַטשיק עולה געווען קיין ישראל, ווו זי האָט געהאָפט, ווי אַ סך אַנדערע קינסטלערס פון די תּפוצות, צו געפינען פאַר זיך אָפענע, ברייטע שאַפונגס־האָריזאָנטן.

זי איז באַלד געוואָרן אַקטיוו. זי האָט געהאַט צענדליקער אַרויסטרעטונגען. דער ישראל־צושויער האָט איר געשענקט אָנערקענונג. זי איז געווען איינע פון די גרינדערינס פון „נגינות״ און פון זייַנע אומדערמידלעכע אָנטייל־נעמערס. קענענדיק עברית פון דער היים, פונעם השומר־הצעיר, צו וועלכן זי האָט געהערט אין די גימנאַזיע־יאָרן, איז איר אָנגעקומען נישט שווער זיך אייַנצוגלידערן אין „הבימה״ — דאָס העכסטע צו וואָס זי האָט געקאָנט שטרעבן.

איך האָב זי געזען אין איינציקע פאָרשטעלונגען — אין „הבימה" און אין יידישן קונסט־טעאַטער — פאַרביקע, אין אַמפּלואַ און אין כאַראַקטער קעגנ־געזעצטע קרעאַציעס, פון אַ היינטצייטיקער, מאָדערנער, פון גייסט און מאָראַל אויסגעהוילטער דאַמע פונעם אייראָפּעיִשן רעפּערטואַר, ביז אַ יידיש־שטייגע־ריש געשטאַלט, ווי די מעל־יידענע אין שלום־עליכמס „עמך". כאָטש עפּיזאָדישע ראָלעס, האָט זי זיך אָבער אויסגעטיילט, געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די צושויערס און דער קריטיק, ווייל אין אַלץ וואָס זי האָט געטאָן איז געווען מאָס.

ליידער האָבן אויך דאָ אין לאַנד נישט אויפגעהערט אירע זאָרגן און יסורים. זי האָט זיך צונויפגעשלאָגן מיט אַ ווירקלעכקייט וואָס קאָן נישט נאָר אַנטוישן, נאָר אויך צעברעכן. זי האָט זיך נישט אַנטוישט. זי האָט ניכטער אָפּגעשאַצט דעם מצב און די סיבות. אָבער ס'איז איר נישט גרינג געווען און זי האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט אַ געוויסער פּראַקטיק און געוויסע זיטן — אין געביט, אין וועמעס גרענעצן ס'האָט זי אַרומגעפּירט איר דיבוק. זי האָט זיך נישט געקלאָגט, זי האָט דעם פאַראיבל געטראָגן אין זיך, און אַ שטאָלצע — וואַרגנדיק די טרערן אין זיך — געפאָדערט און געקעמפט. פון איין זייט — פאַרן זון, וועמען די „הומאַנע" סאָוועטישע אַדמיניסטראַציע האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון אירע קלעשטשעס, און פון דער צווייטער זייט — אַ געראַנגל פאַר איר אייגענער מערכה, קעגן דער אומזיכערקייט, דער אומבאַשטימטקייט, דער הפקרדיקייט, אַן אַנגעוויזענע אויף די סובסידיעס און אויפן גלייכגילט פון יענע, פון וועמען ס'איז אָפּהענגיק דער גורל פון קינסטלער. זי האָט איבערגעשאַצט אירע כחות און זיך איינגעבראָכן, און ווייטער געקעמפט: פאַר באַשטענדיקייט, פאַר אַ פאַרזיכערטן קיום אין דער קונסט, — פאַר קביעות. זי האָט נישט געוואָלט ענלעך זיין צום טרוקענעם גראָזנקנויל, געקייקלטן אַהער און אַהין פון פאַרשידענע קאַפּריזע ווייענישן. זי האָט זיך געוואָלט איינוואָרצלען, און זי האָט זיך אויסגעקעמפט אַ קביעות־פּלאַץ אין דער אייביקייט, פון וואַנען קיין שום כח איז שוין נישט מסוגל זי צו קינדיקן...

איז נישטאָ שוין דינה צווישן אונדז. זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון פרומקייט און ערלעכקייט. אָבער איר איידל געשטאַלט און דאָס פרום־צאַפּלדיקע קול פון איר נשמה וועט אונדז באַגלייטן אייביק.

„ישראל־שטימע", 75.10.22

יהושע א. גלבוע

בת דור האימה והדווי

מבכים אנו נפש טובה, נפש חמה. לב גדול חדל מפעום.

בטרם עת הלכה מאתנו דינה. היא נסתלקה מהעולם הזה בדמי ימיה.

אבל כל מי שהכיר אותה קצת יותר מקרוב מסוגל היה לחוש כי היא נשאה בתוכה דורות. כתפיה הצעירות היו עמוסות מיטען סבל כבד. מבעד לעיניה הבורקות, שובביות לעתים, התאפלל נתיב־ייסורים ארוך: משא־ענות של נערה יהודיה עקורה מביתה, נעה ונדה כפליטת־מלחמה; גזר־גורל של שריד־ת משפחה, ניצולת־שואה רווית־שכול; כאבי היתלשות וחבלי הישתלות — ממקום למקום. מאבק יומיומי על קיום היה מלווה בצער־אומה.

בכל אלה לא נטשה החלום — חלום על ימים אחרים — ומשאת־הנפש לארץ־ישראל, שבה עתידים להתחדש בשבילה נופים רוחניים־רגשיים מתקופת הילדות והנעורים. החלום נתממש, אולם אבני־נגף לא פונו לחלוטין מדרכה ומועקות לא סולקו מלבה גם כאן. ההיאחזות באדמת־המולדת, מבחינה חברתית ומקצועית, לא תמיד היתה רפודה שושנים. ועל הכל נוספו יסורי אם, המנותקת ברישעות מבנה היחיד שמעבר לחומה — מייחלת לראותו, לחבקו, והוא מתמהמה לבוא, בגזירת מלכות.

כן, דינה שפעה חיים, עליצות. פניה היו גלויות, מאירות. בעיניה הזדרח מבט אופטימי. הן כמו נישאו לאופקים בהירים ורעננים. אבל מאחורי מאור־הפנים הזה היתה מרטטת מחרוזת מארטירולוגית. בנפש הרכה קיננה שיבת הדור היהודי הזה, דור האימה והדווי. ה„הצגה" חייבת היתה להימשך, ככלל המקובל על אנשי־במה, אבל לבה של דינה נצרב בזכרונות־עבר ונאכל בייסורי־הווה — עד שעמד מלכת.

עת אנו מתייחדים עם זכרה של דינה — הבה נלך מעט בעקבותיה. ותחילה נפנה אל עיירת־הולדתה.

רזקנה, או רז'יצה, בגלות לאטביה. גלות — כגלויות דומות לה — הזרועה „ערי־ירושלים", גדולות וקטנות. הוויה שהמחישה את הכתוב „עתידה ארץ־ישראל להתפשט בכל הארצות". מה לי לטים, מי לי לטים? היהדות, או היהודיות, מפגינה כאן את קשיות־עורפה. נופי־הולדת — ובכל־זאת נופי־נכר. השרשים הם במרחקים. ימי חורף וכפור בשאיזור הבאלטיקום — וחוגגים את ראש השנה לאילנות...

מה הטביע חותמו עלי הרחוב שברזקנה הלאטבית? מה החוויות מאותה

עיר זרה, המלוות את דינה בכל טלטולי הדרכים? בית־ספר עברי, בית־כנסת, מועדון יהודי, חוג דראמאטי עברי, תנועת־נוער ציונית, מורשת־דורות יהודית.

אחר־כך בא תורה של ריגה, עיר־הבירה. נפתחים מרחבים חדשים. הזיקה לאמנות גוברת. מתגבשת משיכה לבמה מקצועית. המאוויים הללו מתחילים לקרום עור וגידים תוך הכשרה בבית־ספר תיאטרוני.

אולם סופת־המלחמה מזעזעת שאיפות גדולות כקטנות. באים נפתולי־קיום, מערכה להצלת הנפש. עברו ימים ודינה ניטלטלה הרחק־הרחק מביתה שכבר חרב — לטאשקנט, הזכורה לה ולרבים כמותה מסיפור בלטריסטי כ„עיר הלחם".

לחם־לא־לחם. אבל אפילו בעולם המזועזע כמהה הנפש האמנותית לשעשועים, במובן הטוב של המלה. עלה בידי דינה להתקבל לעבודה בתיאטרון האוזבקי המלכתי בעיר. אחר־כך היא מוצאת דרכה אל התיאטרון היהודי הממלכתי של מיכואלס, אשר עבר בזמן המלחמה ממוסקבה לטאשקנט. שם היה עליה להיבחן תחילה. משנתבקשה לנסות ולשיר משהו לפני הוועדה הבוחנת, השמיעה את השירים העבריים שהיו שגורים על פיה: „בן לו היה לי" מאת רחל; „צלצל קתרוס צלצל בעצב". נתמזל מזלה — ונתקבלה.

בסוף 1943 חזר התיאטרון למוסקבה. צו אמנותי היה לצו־גורל לאומי: להמשיך — ויהי מה! התיאטרון החל להציג את „פריילעכס". חרף הדמעות, הדם — „פריילעכס". מעל ההריסות והקברים — להושיט ידים־של־תקווה אל המחר, להכריז בשיר ובמחול: „עוד יהיו שמחות אצל יהודים!"

ודינה משולבת בהצגה בכל רמ"ח שלה. תשוקת־יחיד וסערגות־עם נתמזגו בהופעתה על הבמה: חיים! פריילעכס!

המלחמה באה לקיצה. חג־הנצחון אולי שיכך לרגע את היגון הגדול של שרידי „העם השחוט". אך לא ארכו הימים ועננים כבדים חוזרים ומקדירים את עולמה של יהדות ברית־המועצות. באות עליה „השנים השחורות".

בינואר 1947 נרצח מיכואלס. אנשי התיאטרון היהודי היו איפוא מן הראשונים שיכלו לחוש את המזימות הנרקמות נגד יהודים. שנים רבות לא משה מזכרונה של דינה הלוויתו של מיכואלס. האווירה היתה רוויה חרדות, שטקסי האשכבה לנפטר לא האפילו עליהן. בריחוק־מה מקהל המלווים עמד בודד יהודי ישיש וניגן בכינור: זה היה ה„קדיש" שלו למיכואלס. דינה לא יכלה לשכוח את המראה הזה.

ב־1949 נסגר גם התיאטרון היהודי, לאחר שכל מיני מוסדות תרבותיים חוסלו כבר קודם. בחייה של יהדות ברית־המועצות נשתררה — נוסף לסיוטי הטירור — שממה רוחנית.

בימי ה„פשרה" שלאחר מות סטאלין, עת נסתמנה הקלה מאימי השנים



החותנת ב„סטמפניו" של שלום-עליכם („הבימה", תל־אביב 1972)

השחורות, מיהרה דינה לחדש פעילותה האמנותית. לבדה או בתוך להקה, וזמן מסויים עם נחמה ליפשיץ, היא מביאה בערבי קריאה וזמר בערים ובעיירות שונות נחמה ליהדות הפצעוה.

יומה הגדול: העליה לארץ. נרגשת, רוטטת מאושר, על אף הפרידה הזמנית (כפי שקיוותה) מהבן. היא נושמת מלוא ראיותיה את אוויר הארץ, סופגת נופיה, מרווה נפשה הצמאה במולדת התוססת. היא ולייזר בעלה מופיעים במקומות שונים, מרבים לבקר בקיבוצים, הם מביאים לקהל את בשורת ההתעוררות הלאומית של היהדות הסובייטית, נוסח: „לא אמות כי אחיה..." — ולבבות המאזינים פועמים יחד עם לבות הדוברים אליהם.

ולפתע נדם לבה של דינה — וניגונים רבים שעוד רחשו בה אבדו לעד.

נחמן ראַפּפּ

די וואָס זענען אַוועק מיטן האַרבסט...

ביי פאָעטן הייסן די דאָזיקע טעג — טעג פֿון גאָלדענעם האַרבסט. סתּם־ייִדן קענען און דערקענען דעם יום־טובֿ סוכּות פֿון לוח און — כ׳וויס: אפֿשר פֿון דער מחשבֿה וועגן אַ טיול אין גליל „אין שויס פֿון דער נאַטור״. בלויז אַנשי ותּיקין טוען דערביי אַ שטילן קרעכץ וועגן דער סוכּת דוד הנופֿלת. און אָט דעם טרויער וועגן געפֿאַלענע זיילן פֿון אונדזער אָרעמער סוכּה וויל איך איצט דער־מאָנען, איצט, אין די טעג פֿון האַרבסט. די פֿון אונדז אַוועקגעגאַנגענע אין האַרבסט.

דריי זענען זיי אַוועק. דריי אין איין קורצער צייט פֿון געציילטע טעג. דינה רויטקאָפּ, לייב אָליצקי און מענדל מאַן.

דינה רויטקאָפּ. איר שטאַרבן זעט מיר אויס ווי געפֿאַלן, ווי אַ בוים וואָס פֿאַלט אין מיטן זיין בלי. איר גאַנצער שוישפּילער־וועזן האָט מיר אויסגעזען ווי בוימעריש פֿאַרוואָרצלט אין קינסטלערישן ייִדישן וואָרט. ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל געהערט ווי זי האָט פֿאַרן ראַדיאָ־מיקראָפֿאָן רעציטירט דאָס ליד פֿון שיקע דריז „אַ הויכער בוים״, האָב איך זי אַליין געזען ווי אַ בוים, אַ פֿאַרוואָרצלטן טיף און ברייט אין פֿעלד פֿון דער ייִדישער קולטור, ייִדישער ליטע־ראַטור אין איר דראַמאַטיש־קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע. אָט אָט, און זי צערוישט אירע צווייַגן אין אָט דעם פֿעלד — און שוין איז זי געפֿאַלן אַן אונטערגעבראָכענע צו אירע וואָרצלען. נישט אין האַרבסט פֿון איר לעבן איז זי געפֿאַלן, נאָר אין האַרבסט פֿון אונדזער צייט, וואָס איז גרויזאַם צעווינטיקט, אַפֿילו ווען אין דרויסן איז דער וועטער כּלומרשט מילד. זי האָט געלעבט און געשטאַרבן צווישן אונדז מיט אַ צעבראָכן האַרץ: איר בלוט און פֿלייש, איר זון איז פֿון איר אַוועקגעריסן געוואָרן דורך יענע, וואָס טיילן דערלויבענישן אויף לעבן און טויט, ווי מען טיילט פּייַקעס ברויט. ביזן לעצטן טאָג פֿון איר לעבן האָט זי נאָך געהאָפֿט, אַז די סאָוועטן־מאַכט וועט דערלויבן איר איינציקן זון זיך צו פֿאַראייניקן מיט זיין מאַמען. געהאָפֿט און זיך נישט דערהאָפֿט. רופֿן נישט אַרויס דער מאַמעס ליידן דעם ווייגעשריי פֿון כּנפֿול בני עוולה נפֿלת?

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

און די ייִדישע סוכּת דוד הנופֿלת איז נאָך מער פֿאַלנדיק געוואָרן, נאָך מער אָרעמער געוואָרן. אין דעם האַרבסט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור זענען זיי

אַוועק און געלאָזן נאָך זיך דעם יאָמער פֿון ווינט. און דער וואָס וויל זיך טרייסטן — קען נישט. ווײַל זייער אָרט איז געבליבן ליידיק און אויף ליידיקע פֿעלדער יאָמערט דער האַרבסטווינט נאָך שטאַרקער.

און עס טרויערט נאָך די אַוועקגעגאַנגענע די ייִדישע ליטעראַטור, עס טרויערן די ליבהאָבערס פֿון ייִדישן קינסטלערישן געלײַטערטן וואָרט, די אַלע, וואָס אָט דאָס וואָרט טאַקע איז זיי געווען ליב און טײַער, כאָטש דעם שאַפֿער פֿון אָט דעם וואָרט האָבן זיי נישט איין מאָל אויסגעשטעלט אויף ווער ווייסט וועלכן באַראָט...

די וואָס זענען פֿון אונדז אַוועקגעגאַנגען אין האַרבסט — —

„לעצטע נײַעס“, 1975.9.19

אַ פּאַרטיזאַנקע אין „וועלדער רוישן“ (מאָסקווער ייִדישער מלוכה־טעאַטער, 1948)

רפאל צבי

פלי מלא יעוד

ברצוני לדבר עליה לא כאמנית מעולה אלא על האדם דינה רויטקאָפ. ואיזה אדם! נזדמן לי להכיר את דינה בעבודה משותפת בסרט „מיכאל שלי״. מיד הוקסמתי מגישיותה הקורנת. ממבט ראשון אתה טופס שלפניך אישיות לא רגילה. כל ישותה מאצילה על סביבתה. מחינה המלטף ומהאופי שתמיד רוצה להושיט רגש חם לכל אלה שזקוק לה. מיד אתה רואה שדינה רויטקופ מאותו הגזע שראה ועבר הרבה סבל וזה, כמו שקורה לפעמים, מקשיח ומשאיר משקע מר — לא כן אצל דינה. אצלה היתה אותה הרכות העססית של פרי בשל שמוכן להרוות לאיש צמא בדרכי הסביבה הקשוחה. היא מוכנה לתת ולתת מהמלאי הרגשי בלי רגשנות וסנטימנטליות. זה מתבטא לא בדיבורים, אלא בשורה שלמה של פעולות פיזיות. ברצוני להסביר את עצמי. כשהגעתי לחזרות על „מיכאל שלי״ הייתי עיף ורצוץ, מפוזר ועצבני. לא הייתי בתוך המציאות. אף אחד לא שם לב למצבי, אף אחד לא התענין בי. דינה הרגישה מיד את הנעשה בי. היא לקחה אותי תחת חסותה. לא הרבתה בדבורים. היא חיפשה מקום נח בשבילי כדי שאוכל לנוח. מקום כדי שאוכל לשבת לנח בזמן החזרות. התעניינה בדיאטה שלי. חיפשה את האפשרות לעודד אותי בזמן החזרות. בהתחלה לא הלך לי ביותר וכמה שמחה לאמר לי מילים טובות כשהתחיל אצלי ללכת. כשנסענו בשעה מאוחרת בלילה אחרי הצילומים מירושלים לתל־אביב, שוב הושיבה אותי במקום נח. וכשהגענו לתל־אביב וכל המשרדים סגורים, חיפשה בשבילי טקסי. הסתובבה בזריזות בין כל מיני אוטומובילים וכל מיני כלי רכב, כדי למצוא מונית בשבילי. בעמל רב ובעקשנות מצאה את מבוקשה והושיבה אותי במונית. אז, רק אז היא נרגעה. הייתי מופתע ונבוך ממבול פעולותיה שנשטפתי בהם כמו בגשם נדבות.

הכרתי אותה רק באלה הימים. לא נפגשנו יותר, לצערי. ותמיד חשבתי שזאת דמות מספרות יידיש. מכל אלה הערים והעיירות פולין, רוסיה, ליטא. אומרים שאנו הישראלים קשוחים בגלל קושי החיים, בגלל המלחמות, בגלל סבל ההתאקלמות, בגלל השמש האכזרית הלא נדיבה. אבל גם אלה האנשים משם עברו מלחמות. אמנם השמש לא שרפה אותם, הכיבשנים שרפו רבים. ובכל זאת הם לא אבדו את הרכות שלהם ואת היכולת להיות אדיבים כלפי הסביבה שלהם. הספרות שלהם מלאה אנשים טובים. הם לא מתביישים, כמונו, להסתיר את רגשותיהם, להיות אנושיים.

הדודה ז'ניה, בסרט „מיכאל שלי" (תל־אביב 1975)

היה לי הרושם שדינה כלי המלא יעוד — באמנות, עוד מאותם הימים שהיא סובבה בערי רוסיה יחד עם נחמה ליפשיץ, וגם היעוד בחיי יום — למלא תפקיד — לעזור למי שזקוק עזרה. למרות שהיא גמרה בית ספר עברי, נדמה לי שכל התרבות שלה ספוגה מארץ המיוחדת, ארץ היידיש.

במאמרה של גיטל מייזל על הסופר אי. קיפניס ישנן שורות המביעות את הלך מחשבותי: „פֿון וואַנען נעמען זיי זיך, אַזוי פֿיל ריינע, ליכטיקע מענטשן, וואָס איציק באַגעגנט זיי אויף די פֿאַרשיידענע וועגן?"

היה לי המזל הנעים, נעים מאוד, לפגוש אחת מאנשים האלה; „ריינע, ליכטיקע מענטשן". זאת דינה רויטקופ ז"ל.

יאַנקל יאַקיר

דינה — די יום־טובדיקע

...אַ יום־טובדיקע, אַ נשמה־יתירהדיקע, אַזאַ וועט זי שוין אייביק פֿאַרבלײַבן אין מײַן געדעכעניש. זי, די פֿרומע דאַוונערין פֿון ייִדיש־לשון, די קינסטלערין דינה רויטקאָפּ־פּאָדריאַטשיק, וועלכע האָט זיך אַנומלטן אויסגעלאָשן דאָ אין איר אויסגעחלומטער היים — ישראל.

...אין אַן אָסיענדיקן טאָג פֿון יאָר 1955 האָב איך זיך באַקענט מיט איר אין איר ריגער היים אויף גאָרקי־גאַס.

דאָס בין איך נאָך לאַנגע פּורעניותדיקע יאָרן געקומען זען מײַן יוגנט־חבר, דעם עסייִסט לייזער פּאָדריאַטשיק.

און גלײַך האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן די פֿאַרפּוצטע אָרעמקייט פֿון זייער דלות על דלותדיקער נעסט, אויף וועלכער עס איז געלעגן אויסגעגאָסן דער חן פֿון דער מלא־טעמיקער באַלעבאָסטע.

לייזערן האָב איך ניט געטראָפֿן. אויך פֿון זײַן באַשערטערס שיחת־חולין האָט מיט אַ מאָל אַ ווייע געטאָן מיט אותיות מחכימות. דאָס האָט זי, דינה, מיט אַן אצילותדיקן שטאָלץ אויסגעלייגט פֿאַר מיר אַ גאַנצן רייסטער פֿון איר מאַנס שעפֿערישע פּלענער. אַלע מאָל מיט אַ פֿריידיקער מינע — מיר אונטערגעטראָגן אַ ספֿרל אַ יקר־המציאותל פֿון לייזערס שעפֿערישן וואַרשטאַט. און דערנאָך האָט זי שוין אַוועקגעשפּאַנט אַ פֿאַרקלעמטע אויף דער גרינער לאָנקע פֿון דערמאָנע־נישן וועגן אירע שיינע יונגע יאָרן אין שלמה מיכאָעלס דראַמאַטישער שול, ווען זי, די ייִדישע פֿאַרחלומטע טאָכטער פֿון רעזשיצע האָט געמאַכט אירע ערשטע ציטערדיקע טריט אין ייִדישן טעאַטער.

דער תּוך פֿון איר דעמאָלטיקן באַהאַרצטן מאָנאָלאָג:

— מילא, וואָס מיר דאַרפֿן, האָבן מיר טאַקע נישט, אָבער — אויב־נישט־נאָך־העכערדיקע ייִדישקייט — פֿולע הערצער־לאָגלען.

...דערנאָך, אין יאָרן אַרום, אין די זעלטענע, — מיט בלוט און טרערן אויסגעקליאַנטשעטע בײַ די אכזריותדיקע סאָוועטישע מאַכטהאָבערס — אויפֿטריטן אין אונדזער בעסאַראַביע.

און אַזוי פֿיל צער און צאָרן איז געווען אין אירע אויגן, ווען זי האָט געמוזט פֿאַר די קראַמאָלע־זוכערס — די באָלשעוויסטישע טשינאָווניקעס, וועלכע האָבן

דינה (פינפטע פון לינקס) — פערל די מילניטשקע אין שלום־עליכמס „עמך״
(יידישער קונסט־טעאַטער, תל־אביב 1975)

„באַערט״ אַלע יידישע פּאַראַנשטאַלטונגען — אַפּלויצן אויף רוסיש דעם קורצן תּמצית פֿון אירע רעציטאַציעס.

איך זאָג: צאָרן און צער אין די אויגן, אָבער מעטאַל אין איר קול. ווי אײנער זאָגט: — נאַט, וואַרגט אײַך!..

אָבער ווען זי האָט זיך שוין ענדלעך אַזוי טאַכטעריש טרײַ אַ טוליע געטאָן צו איר מאַמע יידיש, האָבן זיך אַ גאַס געטאָן דאַוונענדיקע, דביקותדיקע טענער און אונטערטענער און דער גאַנצער זאַל איז פֿול געוואָרן מיט שבת־יום־טובדיקייט.

אַזאַ האָב איך זי אויך געזען אין אײנעם פֿון אירע לעצטע אָוונטן אין נתניה, אין בית־רמז.

זי האָט געלייענט שלום־עליכמס „חרוסת״ און לידער פֿון שיקע דריז. און יעדעס וואָרט אירס איז געווען געשמאַק און יאַדערדיק און יעטווידער פּאַס־טעמקע אירע פֿול מיט חן. עס איז שוין געווען די געבענטשטע רײַפֿקייט, נאָך וועלכער זי האָט אַזוי בענקשאַפֿטלעך געגאַרט.

ווערטער שפּילעוודיקע, קוועקזילבערדיקע, האָבן שוין געהאַט זייער געזאַנג און קלאַנג, זייער ליכט און שאָטן.

און אַלט און יונג האָבן זיך נחתדיק איבערגעוווּנקען: — שוין איין מאָל אַ דינה!..

און זי האָט אין יענעם אָוונט געלויכטן מיט אַלע אירע זיבן חנען. דאָס האָט זי געשמייכלט צו איר חלום, וואָס איז געוואָרן וואָר.

...גרויסע אומגליקן און אַנגסטן האָבן זי איינגעבראָכן, די יפת־תּוארדיקע שטאָלצע יידישע טאָכטער פֿון רעזשיצע... און אין אַ פּריסיקן טאָג האָבן מיר זי באַגלייט אין איר לעצטן וועג.

כבוד איר אָנדענק!

מאַשאַ אופֿמאַן

*

* *

לזכר דינה רויטקאָפּ

לייַכט ביסטו אַוועק, אַזוי
ווי ס׳פֿליט אַוועק אַ פֿויגל,
און געלאָזן דאָ דייַן ווייִ,
דעם צער פֿון דייַנע אויגן.

ביסט געפֿאַלן ווי אַ בוים,
ווי אַ קינד זיך אויסגעשפּילט
און געלאָזן דאָ אַ תּהום
מיט הוילער פּוסטקייט אָנגעפֿילט.

און דייַן וואָרט, דייַן וואַרעם וואָרט,
דעם קלאַנג פֿון דייַן נשמה,
מלאָכים צאַרטע, צאַרטע, דאָרט
שענקען וועסט, מסתּמא.

און וועסט ברענגען דאָרטן פֿרייד
די הימלען און די שטערן
און וועסט וואַרטן שטילערהייט,
ביז קומען וועלן מיר דיך הערן.

זאב איגרת

ביום השלושים לפטירתה

דינה היקרה, היום, יום השלושים לפטירתך, באנו לבקרך במשכנך הנצחי ולהוכיח לך, שלא שכחנוך — לא שכחנוך עד היום, ולא נשכחך גם להבא — כל הימים.

אמרו בגמרא: יש קונה עולמו בשעה אחת", אולם לאחר כמה שורות: „יש קונה עולמו בכמה שנים". לא אמרו ולא הכריעו מי עדיף ממי; או הקונה בשעה אחת או הקונה בהרבה שנים. אולם ברור לכול — אף שלא נאמר — כי עדיף מכל הוא מי שקונה עולמו גם בשעה אחת וגם בהרבה שנים. ואת, דינה, הלא קנית עולמך גם בשעה אחת וגם בהרבה שנים.

בהרבה שנים כיצד?

בלטביה שברוסיה, לפני הספוח ואחריו, מקום — שם פעלת, כל ימי חייך עד עלותך ארצה. שם נולדת ושם גדלת. שם למדת ושם חונכת; שם טיפחת את כשרונך האמנותי ושם גבשת ועד כדי אומנות מושלמת; שם פעלת למען ארץ ישראל מתוך סיכון רב ושם עשית נפשות למען העליה. על כל פנים, עדים לכך הם הדי הדברים שנשמעו זה עתה, מפי עד חי.

וקניית עולמך בשעה אחת כיצד?

עם עלייתך ארצה, כשנפתחו לפניך שערי „הבימה" כבשת את מקומך בסערה בין אומרי שירה, כאחת הותיקות. אולם יותר מכל קנית את עולמך בארגון יוצאי סקוריאן. לכאורה, זר היה לך המקום לפני עלייתך ארצה, ספק גדול, אם שמעת פעם את השם סקוריאן. ואם פעם שמעת את השם מפי בעלך, אליעזר, שנולד בעיר הזאת, — מי יודע אם לא נבלע השם בין שמות כל המקומות הרבים, אשר בהם נדד אליעזר בדרך הייסורים הארוכה שלו. וזוכר אני את הפגישה הראשונה שלך בארגון זה. עצרת גדולה נערכה לרגל הסרת הלוט מעל לוח ההנצחה של קהילת סקוריאן. היו נאומים, הספדים אזכרות ובכי רב. השתתפת גם את כאורחת בזכות בעלך. וכשפתחת בקול נרגש לקרוא את השיר „אַ בוים"; אַ הויכער בוים, אַ שיינער בוים, אַ שטאַרקער בוים" עבר רטט בקרב הקהל הרב, ורבים געו בבכי. שכן לשמע הדברים ראו בעיני הרוח שלהם את תדמית הקהילה, שהיתה כעץ פורח, עץ פרי, עץ חיים גבוה, חזק ונהדר, ועליו על עץ זה עלה הכורת.

בשעה זו קנית את עולמך בארגוננו, ומאז נכרתה ברית אחים בינך לבין הארגון. והנה לפתע־פתאום נעקר גם העץ היפה, הגבוה והחסון, ששמו דינה,

נעקר ואינו! ואולי, לא מקרה בלבד הדבר — צרת הבן גרמה! כיצד אמר איוב? „אדם קצר ימים ושבע רוגז". אף את דינה, קצרת ימים ושבעת רוגז הלכת לעולמך. בכלל מעטים ורעים היו ימיך — בסך הכל נ"ב שנים, — כמספר „בן". וכשרוגזו של בנך קפץ עליך על ידי שנעצר מאחורי „מסך הברזל", ארבע שנים רצופות, שבעת עצב ומרורות, ומי יודע אם לא שבעת הרוגז הביאה לקיצור הימים.

אכן, דברי ימי עמנו עשירים במקרים טרגיים, בעיקר לגבי אמהות סובלות בשל צער גידול בנים. זכור לנו סופה של שרה אמנו בשלעקדת בנה. הוא הדבר ברחל אמנו. ומי אינו זוכר את האמהות האומללות של הקנטוניסטים ויותר מכול תאחזנו רעדה בזכרנו את התינוקות שנעקרו, שהוצאו בכוח אכזרי מזרועות האמהות ונופצו אל הקיר לעיניהן. גם אַת, דינה, עמדת בניסיון דומה, גם עליך עברה כוס היגונים, גם אַת התרוצצת ממקום למקום, ממדינה למדינה לבקש רחמים על בנך. בכך דמית לרחל אמנו, כמו שנאמר בספר ירמיהו פרק ל"א: קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה כי אינם (כי איננו). גם קולך, דינה, נשמע ברמה, ברמת הקונגרסים והפרלמנטים, החרדת שרים מכסאותיהם. הבטיחו לך כשם שהבטיחו לרחל אמנו: „מנע קולך מבכי... כי יש שכר לפעולך... ושבו מארץ אויב, ושבו בנים לגבולם". הבטיחו ולמרבה הצער לא נתמלאה ההבטחה בחייך. המולך האכזרי הדורש והטובע קרבנות אדם עוד מאז, טרם שבע, לא נתקררה דעתו של האכזר ולא נתפייס עד שהקרבת גם את חייך קרבן על מזבחו הטמא. עתה, אולי יתרצה וישחרר את בנך משביו. אולם, מאוחר מדי. לא זכית אַת לראותו ולא יזכה הוא לראותך.

דינה היקרה, דינך כדין כל האמהות הרחמניות, שמסרו נפשן למען שלום בניהן. תהיה נפשך צרורה בצרור החיים — חיי עולם — של כל עלובי החיים. וכשיופיע פעם הצדק — הצדק העולמי — ויתבע את עלבונם של כל עלובי הגורל, יתבע גם את עלבונך ייסורך ויגונך.

כ"ט בתשרי תשל"ו

אוהבת חיים היתה

כפר בלום 29.8.75

א ל י ע ז ר ה י ק ר,

שלוס רב לך,

נדהמנו ולא רצינו להאמין למקרא המילים האיומות בעתון — דינה נפטרה! איך, כיצד, למה? והיא הרי צעירה עדיין ובמלא כוחותיה. רק עתה גמרה עם ההתאקלמות של „עולה חדשה" בארץ והחלה לפרוש כנפיה בשטח האהוב עליה — במשחק.

זוכר אני עוד את דינה מימי ילדותה, בסניף התנועה ברז'צה (רזקנה), בהכנות למסיבות, כאשר היא ערה ופעילה, שרה או קוראת מעל ה„במה" שלנו, ואנחנו נהנים ומעודדים איתה. זוכר אני את ערנותה בשיחות (הייתי מדריך שלה אז), התענינותה בבעיות הארץ, איך אהבה להקשיב, איך ידעה לשאול. אוהבת חיים היתה, אהבה את הבריות.

הרבה מים זרמו מאז ועד היום. נשאר עוד בזכרוני מכתבה אלי טרם צאתי לוינה, בקשר לאורי שלכם — שמא ניתן במשהו לעזור. לא, לא הצלחנו. וכאשר אורי יבוא ימצא רק קבר קטן של אמו היקרה, שנלקחה בטרם עת.

כולנו כואבים ומבכים יחד אתך את האבידה הגדולה. זיכרה של דינה היקרה יישאר תמיד עתנו.

לא קל לך אליעזר, אך חייב אתה להיות חזק, למען זיכרה של דינה ולמען אורי אשר בוא יבוא.

קבל את תנחומינו הכנים והשתתפותנו בכאבך הגדול.

בשם כל חברי־מוקירי ומכרי
דינה, בכפר בלום

א. ליבנה

די מאַמע און דער קאָמיסאַר

געהייליקט דינה רויטקאָפּ ע״ה

מ אַ מ ע :

באַלד פֿינף יאָר וואָס כ׳וואַרט מײַן זון.
באַלד פֿינף יאָר וואָס איך האַלט אין איין פֿרעגן :
„פֿאַר וואָס ? פֿאַר וועלכע זינד האָט מען פֿאַר־
מאַכט די שטאָלענע טיר פֿאַר אים ?
ווּ ליגט זײַן תּפֿיסה ?
ווי טיף דער שניי פֿאַר יענע טירן ?
ווען לאָזט איר אים אַרויס, אַרויס
צוריק צו מיר ?
פֿינף טויזנט בריוו האָב איך אַוועקגעשיקט.
פֿינף טויזנט בריוו געשריבענע מיט בלוט און
טרערן — ניט מיט טינט.
איך שריי אין זיי :
באַפֿרײַט מײַן קינד, הער קאָמיסאַר —
איך קאָן מײַן קינד, ניט גרויס
קאָן זײַן זײַן זינד !
אָן שולד איז ער.
נאָר טאָמער יאָ מיט שולד,
בעט איך אײַך העפֿלעך זייער און
זייער :
ענטפֿערט מיר כאָטש אויף איינעם פֿון
די פֿינף טויזנט בריוו מײַנע״

ק אָ מ י ס אַ ר :

(שווײַגט).

מ אַ מ ע :

ס׳קאָסט ניט קיין מי פֿאַר אײַך,
ענטפֿערט אויף מײַן רוף.

אַ שורה, אָדער צוויי, איך בעט אײַך:
ווי לאַנג וועט דויערן זײַן שטראָף?
ווי גרויס איז זײַן פֿאַרברעך?
ווו איז מײַן קינד אַצינד?
ווי הייסט דער אָרט?

קאָמיסאַר:
(שווײַגט).

מאַמע:
נאָר טאָמער לייענט איר ניט
די בריוו,
איז קלינג איך אײַך אין טעלעפֿאָן:
האַלאָ!
איר הערט מײַן רוף?

קאָמיסאַר:
(מיט אַ ביוראָקראַטישן הוסט)
קֹבע — קבֿע... וואָס שרײַט איר, פֿרוי?
איך בין ניט טויב.
רעדט ווי אַ מענטש, מאַדאַם!

מאַמע:
איך בענק אַזוי נאָך אים.
בײַ נאַכט הער איך זײַן שטים,
זײַן יונגע טיפֿע שטים,
און איך פֿאַרגיי פֿון בענקשאַפֿט,
קאָמיסאַר!
ס'גייט אויס מײַן אָטעם, האַר!

קאָמיסאַר:
געדולד מאַדאַם, געדולד!

מאַמע:
וואָס הער איך, קאָמיסאַר?
איר זאָגט נישט „ניין"?
נישט זאָגן „ניין!" —
הייסט דאָך, אַז אפֿשר — „יאָ"?

קאַמיסאַר:

(בייז)

איך זאָג ניט ניין — איך זאָג ניט יאָ,

איך זאָג: אַדיע, מאַדאַם!

(וואַרפט אַוועק דעם טעלעפאָן).

מאַמע:

(זי שרייַט אַזוי הויך, אַז ער דערהערט זי

אָן דעם טעלעפאָן)

וואָס מיינט איר, האַר? רעדט, זאָגט, דערזאָגט.

איך לאָז זיך אויס פאַר צער.

קאַמיסאַר:

(לאַנגזאַם)

פאַראַן אַ וועג...

איך גלייב אָבער ניט, אַז איר זענט גרייט

זיך מקריב זייַן פאַר אים,

איז לאָמיר גאַרניט רעדן פון דעם וועג...

מאַמע:

איך בין גרייט.

גרייט אַלץ טאָן פאַר אים.

זאָגט מיר דעם וועג, איך בעט אייַך,

זאָגט, איך בעט אייַך, זאָגט!

קאַמיסאַר:

(סאַרקאַסטיש)

איז הייסט עס — ניטאָ קיין זאַך צו שווער

פאַר אייַך?

האַ — האַ...

לאָמיר פרוּוון:

— איר ווילט אים זען,

הערן זייַן שטים —

וואָלט איר געקאָנט דאָס מקרב זייַן?

מאַמע:

אָ, גיט מיר נאָר איין טאָג מיט אים.

איין טאָג צו גלעטן שטיל זײַן פּנים.
איין טאָג גיט מיר...
גיט מיר איין טאָג — אַרויסגיין אויפֿן שוועל
מיט אים
און ווײַזן אים דאָס לאַנד, די גאַס...
באַרימען זיך פֿאַר שכנים מיט מײַן זון.
פֿינף יאָר האָבן זיי געזען נאָר טרערן.
גיט מיר איין טאָג צו ווייזן זיי
מײַן פֿרייד...

קאָמיסאַר:
(שווייגט).

מאַמע:
צו פֿיל פֿאַרלאַנגט?
איז גיט מיר כאָטש איין שעה.
פֿינף יאָר געדאַרשט — איז גיט מיר נאָר
איין שעה...

קאָמיסאַר:
(שווײַגט).

מאַמע:
איז וואָס איז דאָ פֿאַראַן?
זאָגט אײַערס... כ׳וועל מספּים זײַן...

קאָמיסאַר:
איר זענט ניט גרייט, מאַדאַם.

מאַמע:
(איר קול ווערט שטילער, רעזיגנירטער)
כ׳בין גרייט... כ׳בין גרייט...

קאָמיסאַר:
אײַער לעצטן אָטעם דאַרף איך,
נאָך איידער
ער וועט קומען.
ס׳וועט אַנדערש גאָרניט זײַן.
(אַ לאַנגע, שטומע פּויזע).

מ אַ מ ע :

(קוים וואָס מען הערט זי נאָר,
ווי פֿון ווײַטן)
נעמט מײַן אָטעם,
נאָר אים לאָזט גיין — —
(ס'ווערט טונקל אויף דער וועלט.
ס'ווערט ווידער ליכטיק.
דער זון קומט אָן אין לאַנד.
אָט זאָגט ער קדיש
אויף זײַן מאַמעס
קבֿר).

75.10.7

September 26, 1975 • BALTIMORE JEWISH TIMES

Who Killed Dina Roitkop-Podriachik?

BY SOL GOLDSTEIN

Dina Roitkop-Podriachik is dead. (Follow Up, Sept. 12, "Soviet Sadism Kills Woman"). Not many people knew this woman, especially here in America. She was one of the few to survive the Holocaust. Her entire family was murdered and she was left alone. In order to escape the Nazis, she fled to the Soviet Union.

The man who was to become her husband did not fare any better. His family was also murdered by the Nazis and he also wandered into the Soviet Union to evade the Nazi horror. The two met, and married, and had a son. They lived in the city of Riga, Latvia, where they raised their son with the hope that he would carry on the families' names. This hope was endangered by the genocide practiced in the Soviet Union, perhaps not the same genocide as the Nazis, but a cultural genocide of Jews.

Dina, her husband and son, Uri, applied for exit visas to emigrate to the State of Israel. She and her husband were permitted to leave, but their son was inducted into the army immediately. This was not unusual for the Soviets, and so the parents decided to leave, thinking their son would follow after his two year service.

Was it with or without intent that the Soviets, upon Uri's dismissal from the army, suggested that he was privy to military secrets and therefore could not leave? And so another story was added to the list of Jewish families divided up by the Soviets, left to live solely on the hope of being reunited. In this case it was not the normal parents waiting for a child: in this case it was the very continuity of a family. An only son born to victims of the Holocaust who had lost all, Uri was the focus of his parent's life. They depended on him totally.

Years went by and still Uri was not permitted to leave. Dina came to America pleading the cause of her son. She was not well and yet continued to travel trying to raise support for his release. We met this charming lovely lady and spent the day with her here in Baltimore. She did not speak English and even though one of the persons who met with her did not understand the language she spoke, her expressions and feelings regarding her son and the anguish she was going through were all too vivid. Language was no barrier to understanding what was happening to this mother. Give me my son. Give us our only tie with the past and the future. Give me a reason to live. These were the things Dina asked. She didn't ask for wealth, she didn't ask for material things that are so much a part of our daily life, just her son.

Dina died on August 28, in the State of Israel. The medical diagnosis read cerebral hemorrhage. If ever a person died of a broken heart it was this mother. She died shortly after Uri was denied a visa for the fourth time. Only now after his mother's funeral has Uri been given permission to leave the Soviet Union. His mother's dream of his reaching the free world finally came true. Would she have lived longer knowing her son was free? Who knows.

Suffice to say the story of this person does not even cause a ripple on the waters of the world. With not even enough impact to be mentioned in the local daily papers, the tragedy is known only by those who knew Dina personally and by those who are involved in the cause to save Soviet Jewry.

As long as the Soviet Union maintains such oppression, stories of this kind will continue to happen, and the need to repeat them will become even more dire. We cannot and we must not sit by and talk of detente and trade of wheat for oil when the most precious resource of the world is in jeopardy, a human life. ■

Mr. Goldstein is chairman of the Baltimore Committee for Soviet Jewry, and a member of the Executive Committee, National Conference on Soviet Jewry

IN TRIBUTE TO A BRAVE MOTHER. Leaders of the Dina Podriachik procession sponsored by the Greater N.Y. Conference on Soviet Jewry are pictured above. L. to R., Malcolm Hoenlein, Executive Director of the Confe..nce; Rabbi Hillel Friedman, Mrs. Solomon Shoulson, Rep. Mario Biaggi, Rabbi Solomon Shoulson and Ralph De Nat, Chairman of The Metropolitan Conference of B'nai B'rith. (Isaac Berez Photo)

New York BB Joins In A Tribute To Dina—A Heroic Soviet Mother

A funeral procession in mid-Manhattan on Friday, August 29th, served as a solemn plea to the Soviet Union to allow Uri Podriachik, a Soviet Jew who has been repeatedly denied permission to emigrate, to attend the funeral of his mother on Sunday in Israel.

The procession — led by a hearse — was sponsored by the Greater New York Conference on Soviet Jewry. It began at 10:45 a.m. at 42nd Street and Fifth Avenue, proceeded east to Madison Avenue, north on Madison and west on 45th Street to Fifth Avenue.

There — in front of Aeroflot, the Soviet airline office — a memorial service was held for Dina Podriachik, 53, who died the day before in Tel Aviv. She was stricken with a cerebral hemorrhage Aug. 24, four days after her 26-year-old son was refused an exit visa for the fourth time. He is being detained in Riga.

The procession, involving leaders of the Jewish Community, was led by Rep. Mario Biaggi, D-Bronx, who had authored a resolution in Congress and written to Soviet authorities urging that Uri be allowed to leave the Soviet Union so that he could be reunited with his mother in Israel.

The memorial service was conducted by Rabbi Hillel Friedman of Spring Valley, a vice chairman of the Greater New York Conference. Rabbi Solomon Shoulson of Riverside Memorial Chapels recited the Kaddish and memorial prayer. Israeli Consul Yitzchak Ragor spoke on behalf of the bereaved family.

Ralph De Nat, Chairman of the Metropolitan Conference of B'nai B'rith, represented the organization. Mrs. Podriachik had appeared before many B'nai B'rith groups while visiting New York.

In a statement, Malcolm Hoenlein, Conference executive director said, "The Soviet Union must bear the full blame for Dina Podriachik's death. Her hopes and her spirit and finally her very life, were destroyed by the Soviet Union's disregard of her appeals that her son be permitted to emigrate.

"Murder is the only way to characterize this most despicable act.

"The cause of humanity demands that the U.S.S.R. grant Uri Podriachik permission to leave the Soviet Union at once so that he may attend the funeral of his mother."

Mrs. Podriachik had lived in Israel for several years, where she was a member of the Habima National Theater. She was allowed to emigrate from the U.S.S.R. in 1971 and had worked ever since to secure freedom for her son.

סימבאָלישע לוויה אין ניו־יאָרק

יידישע אַקטריסע, וועמענס 26־יאָריקער זון ווערט געהאַלטן אַלס לעבעדיקער משפון אין רוסלאַנד, איז געשטאָרבן אין תל־אביב פֿון אַ בלוטשטורץ, אין עלטער פון 53 יאָר

ספּעציעלער באַריכט צום „פאָרווערטס"

פֿרײַטיק, אַרום 11 אַזייגער פֿרי, איז אין ניו־יאָרק פֿאָרגעקומען די סימבאָלישע לוויה פֿון נאָך אַ קרבן פֿון דער סאָוועטישער אַכזריות.

דינה רויטקאָפּ־פּאָדריאַטשיק, אַן אַקטריסע פֿון דער „הבימה" פֿון ישראל און אומגליקלעכע מוטער פֿון דעם 26־יאָריקן אורי פּאָדריאַטשיק, וואָס ווערט דורך דעם קרעמל געהאַלטן ווי אַ לעבעדיקער משכון, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן איר טיפֿן ווייטאָג און צער און איז פֿאַריקן זונטאָג געשטאָרבן אין תל־אביב פֿון אַ בלוטאויסגוס אין מוח, אין בליִענדיקן עלטער פֿון 55 יאָר.

פֿאַריקן יולי איז זי נאָך געקומען קיין ניו־יאָרק, כדי צו זוכן הילף אין אירע באַמיונגען פֿאַר דעם, אַז מאָסקווע זאָל דערלויבן איר זון אַרויסצופֿאָרן קיין ישראל און אַזוי אַרום זאָל איר פֿאַמיליע קאָנען זיך צוריק פֿאַראייניקן. זי האָט געשיקט דראַמאַטישע אַפּעלן, לידער, אָן שום רעזולטאַט. זי אַליין האָט באַקומען אַן אַרויספֿאָר־וויזע קיין ישראל אין 1971, נאָך אַ לאַנגער צייט פֿון וואַרטן דערויף. זי האָט געהאָפֿט, אומזיסט, אַז עטוואָס שפּעטער וועט אין דער ייִדישער מדינה אויך קומען איר טײַערער בן־יחיד — אורי.

אורי פּאָדריאַטשיק האָט זײַנע באַמיונגען פֿאַר אַן אַרויספֿאָר־וויזע אָנגעהויבן צוויי יאָר נאָך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען פֿון מיליטער־דינסט, דאָס הייסט אין 1971. זײַן ביטע האָט מען אָפּגעוואָרפֿן, דערקלערנדיק, אַז עס מוזן אַריבערגיין דרײַ יאָר זינט ער האָט געדינט מיליטער־דינסט, ווײַל ער ווייסט „מיליטערישע סודות" (ער איז געווען אַ פּשוטער סאָלדאַט). ער האָט דאָך געוואַרט און אַ יאָר שפּעטער ווידער אָנגעגעבן אַ ביטע. זי איז ווידער אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. אויך זײַנע ווײַטערדיקע ביטעס זענען אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. דעם 24סטן אויגוסט איז זײַן לעצטער אַפּעל קעגן די אַלע באַשלוסן אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. די ידיעה וועגן דעם האָט צעבראָכן די מוטער. דינה רויטקאָפּ־פּאָדריאַטשיק האָט דאָס שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און פֿיר טעג שפּעטער איז זי געשטאָרבן.

די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם טויט פֿון אַ ייִדישער מאַמע טראָגט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד! דאָס איז קלאָר געזאָגט געוואָרן אויף דער סימבאָלישער

לוויה, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן דורך דער קאָנפֿערעץ פֿאַר סאָוועטישע ייִדן אין ניו־יאָרק און אומגעגנט.

די סימבאָלישע לוויה האָט זיך אָנגעהויבן בײַם קאָרנער פֿון דער 42סטער גאַס און דער פֿינפֿטער עוועניו. פֿאָרויס איז געפֿאָרן אַ שוואַרצער לוויה־וואָגן, באַדעקט מיט אַ בלוי־ווײַסער פֿאָן. נאָך אים זענען געגאַנגען די אָנטיילנעמער פֿון דער לוויה מיט דעם דעמאָקראַטישן קאָנגרעסמאַן פֿון בראָנקס מאַריאָ ביאַדזשי. דער טרויערצוג איז צוגעקומען צו דער 45סטער גאַס און דער 5טער עוועניו, אַנטקעגן דעם אָפֿיס פֿון דער סאָוועטישער לופֿטליניע „אַעראָפֿלאָט", ווו עס איז פֿאָרגעקומען די סימבאָלישע לוויה.

די טרויער־תּפֿילה איז אָפּגעריכט געוואָרן דורך ראַביי הלל פֿרידמאַן פֿון ספרינג וואַלי, ווייס־טשערמאַן פֿון דער דערמאָנטער קאָנפֿערענץ פֿאַר סאָוועטישע ייִדן. מעלקאָלם הענלעין, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿון דער קאָנפֿערענץ, האָט באַשולדיקט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין פֿריצײַטיקן טויט פֿון דינה רויטקאָפּ־פּאָדריאַטשיק, באַצייכענענדיק, אַז דער קרעמל איז באַגאַנגען נאָך אַ מאָרד. ער האָט גערופֿן מאָסקווע גלײַך אַרויסצוגעבן אַ דערלויבעניש איר זון אורי צו קומען קיין ישראל, כּדי דאָרט הײַנט, זונטיק, אָנטייל נעמען אין דער לוויה פֿון זײַן מוטער.

פֿיל פֿאַרבײַגייערס, ייִדן און ניט־ייִדן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אויסהערנדיק די רעדנערס און מיט זייער אויסהערן מאַניפֿעסטירט זייער סימפּאַטיע פֿאַר דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַער עמיגראַציע פֿון די סאָוועטישע ייִדן.

1975.8.31

רירנדיקער אָוונט צום אָנדענק פֿון דינה רויטקאָפּ

רירנד איז געווען דער אָוונט צו די שלושים פֿון דער פּריציַיטיק פֿאַר־שטאָרבענער אַקטריסע פֿון „הבימה" און פֿון ייִדישן טעאַטער דינה רויטקאָפּ, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם לעצטן מאָנטיק אין לייוויק־הויז אין תל־אביב.

— עס איז נאָך נישט קיין פֿולע פֿיר יאָר ווי דינה רויטקאָפּ איז צום ערשטן מאָל אויפֿגעטראָטן אויף דער בינע פֿון בית־לייוויק, צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם שרײַבער לייזער פּאָדריאַטשיק, בעת דעם קבלת־פּנים, וואָס איז פֿאַר זיי אײַנגעאָרדנט געוואָרן באַלד נאָך זייער עולה זײַן קיין ישראל — האָט געזאָגט דער פֿאָרזיצער פֿון אָוונט, דער דיכטער הירש אָשעראָוויטש. — במשך פֿון דער צײַט האָט דינה רויטקאָפּ באַוויזן צו באַגײַסטערן מיט איר טאַלאַנט טויזנטער צושויערס אין ישראל מיט אירע וואָרטקאָנצערטן. זי האָט באַוויזן אויפֿצוטרעטן מיט דערפֿאָלג אין „הבימה", צו שפּילן אין אַ ישראל־פֿילם, צו באַקומען דעם פּרײַז פֿון ייִדישן שרײַבער און ליטעראַטן־פֿאַראיין. איין זאַך האָט זי נישט באַוויזן: צו זען בײַ זיך איר איינציקן זון. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס פֿאַר־קירצט אירע יאָרן. מיטן פּרײַז פֿון איר אייגן לעבן האָט זי דערגרייכט זײַן באַפֿרײַונג. איר זון אורי האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד צוויי וואָכן נאָכן טויט פֿון זײַן מוטער און ער איז געקומען קיין ישראל ערשט צו די שלושים נאָך איר טויט.

דער שרײַבער מאָטל סאַקציער האָט געשילדערט דעם לעבנסוועג פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער זינט אירע ערשטע טריט אין דער טעאַטער־שול בײַם ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון שלמה מיכאָעלס, ביז דעם העברעיִשן נאַציאָנאַלן טעאַטער אין ישראל „הבימה". ער האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן די פֿאַרדינסטן פֿון דינה רויטקאָפּ, וואָס האָט צוזאַמען מיט נחמה ליפֿשיץ געוואָנדערט איבער די שטעט און שטעטלעך פֿון גרויסן ראַטן־פֿאַרבאַנד און געבראַכט די ייִדן אַ טרייסט מיטן פּרווו אויפֿצולעבן דאָס דער־מאָרדעטע דאָרט ייִדישע וואָרט.

נחמה ליפֿשיץ האָט זיך געטיילט מיט דערינערונגען פֿון איר צוזאַמענאַרבעט מיט דינה רויטקאָפּ און באַערט איר אָנדענק מיט רעציטירן פֿראַגמענטן פֿון יעקב פֿרידמאַנס ציקל לידער „רחמים".

דער פֿאַרדינסטפֿולער אַקטיאָר פֿון „הבינה" און פֿון ישראל־פֿילם רפֿאל צבי האָט אין רירנדיקע ווערטער דערציילט וועגן די איידעלע מידות פֿון דינהן, וואָס ער האָט באַקענט ערשט בעת זייער צוזאַמענאַרבעט בײַם רעאַליזירן דעם פֿילם „מיכאל שלי".

די אַקטריסע אַנאַ גוזיק האָט גערעדט וועגן דער ראָלע פֿון דינה רויטקאָפּ אין יידישן טעאַטער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און געלייענט אַ ליד געווידמעט איר אָנדענק.

די אַקטריסע עטל קאָווענסקי האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: — „אונדזער לעבנסוועג איז געווען געקניפּט און געבונדן פֿון אונדזערע ערשטע טריט אין דער טעאַטער־שול", דורך וועגן און אומוועגן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ביז צו דער „הבימה" אין ישראל. צום סוף האָט זי, אין באַגלייטונג פֿון לעוו קאַגאַן, געזונגען אַ רירנדיק ליד, „מיט פֿאַרמאַכטע אויגן", אַ ליד, וואָס איז געווען באַליבט בײַ דער פֿאַרשטאָרבענער דינה רויטקאָפּ.

י. ג.

„לעצטע נײַעס", 1975.10.16

צוותא לתרבות מתקדמת הסדנא לאמן העולה

לזכרה של דינה רויטקופ

יום א' 5.10.75 בשעה 5.00 אחה"צ במועדון צוותא, תל־אביב
אבן גבירול 30

בהשתתפות:
חנה רובינא, אבא קובנר, נחמה ליפשיץ, אתל קובנסקי
דן וולמן, יהושע א. גלבוע, זיסקינד יפת.

ת"א-יפו
T.A.-Yafo
P.P.-שולם
591

News Bulletin No. 71

September 30, 1975

DINA ROITKOP–PODRIACHIK

A DESCRIPTION OF DINA – ON THE "SHLOSHIM" (30th day) OF HER DEATH

– by Ruth Bar-On

I never knew Dina before her days of dismay, before the onset of anxiety resulting from separation from an only son left behind in Russia when she came to Israel five years ago together with her husband. Nevertheless, during the period of our acquaintanceship, she was always pleasant, dignified, elegant in the simplicity of her dress, a true lady even in hours of utmost stress.

When we first met, she still believed that the Soviet authorities would keep their promise of allowing her son Uri to leave once three years had passed since his army service. Already suspicious then, her expectations for the anticipated date were hopeful and she stubbornly stuck to her decision not to arouse public opinion in behalf of her son so as not to anger the Soviets in any way. When the looked-forward-to-date arrived and Uri was told at OVIR that he had no chance of getting an exit visa nor was any new time interval given him before re-application - cruel reality befell Dina like a foul blow. She then said, "I never believed the Soviets would be so brutal as not to allow an only son to join his parents." From then on, all efforts were dedicated to awakening public opinion throughout the world; she wrote letters to all corners of the globe, met with politicians, writers, public figures, asking them to help her son. She was ready to travel anywhere, at a moment's notice, despite her ill-health, in the hope that in the wake of this or that meeting her son's succor would come. When she returned from the United States she was terribly fatigued. Despair replaced hope. In reply to an assurance of efforts directed toward her son's release she said, "I don't believe I will ever be privileged to see my son again." It was a true prophecy. And to her husband, the author Eliezer Podriachik, and her son Uri, far away in a strange land - our sincere condolences.

רשימות אין שוואַרצער ראַם

די שוישפּילערין דינה רויטקאָפּ איז נאָך אַ קורצער קראַנקהייט נעכטן געשטאָרבן אין דונולו־שפּיטאָל.

דינה רויטקאָפּ איז אין 1971 עולה געווען צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם שרייַבער לייזער פּאָדריאַטשיק. אין ישראל איז זי אויפֿגעטראָטן אין „הבימה״־טעאַטער און אין נייַעם יידישן קונסט־טעאַטער, ווי אויך מיט רעציטאַציעס און קאָנ־צערטן.

זי איז געבוירן געוואָרן אין לעטלאַנד, שטודירט אין ריגע און דערנאָך אין דער טעאַטער־שול פֿון שלמה מיכאָ־עלס. דינה רויטקאָפּ איז אויפֿגעטראָטן אין צאָלרייַכע פּיעסעס אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און נאָכן שליסן דעם טעאַטער דורך דער סאָוועטישער מאַכט, אויף ליטעראַריש־קינסטלערישע פֿאָרלעזונגען צוזאַמען מיט נחמה ליפֿשיץ איבער שטעט און שטעטלעך פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד.

דינה רויטקאָפּ ז״ל האָט פֿאַר אירע אַרטיסטישע פֿאַר־דינסטן באַקומען די פּרעמיע פֿון פֿאַראיין פֿון יידישע שרייַ־בערס און זשורנאַליסטן אין ישראל צום 25סטן יאָר פֿון מדינת ישראל.

„לעצטע נייַעס״, 1975.9.1

אתמול מתה דינה רויטקאָפּ־פודריאַצ׳יק, שחקנית „הבי־מה״, שעלתה לארץ מברית־המועצות לפני שלוש שנים. הניחה בעל, הסופר והחוקר אליעזר פודריאַצ׳יק, איש אוניברסיטת תל־אביב, ובן, אורי, הנמצא עדיין בבריה״מ ואשר הגיש בשנים האחרונות כמה פעמים בקשות לעלות לארץ.

לבן נמסר על מותה של האם טלפונית והוא חידש מחדש בימים האחרונים את בקשתו שירשו לו לבוא לארץ. עתה מקווים, שההיתר יינתן לו והוא יוכל לבוא להלוויית האם, אשר תתקיים ביום ראשון (על מועד ההלוויה תבוא הודעה נפרדת).

אברהם תירוש מוסיף:

לפני ימים אחדים, כאשר חלתה דינה רויטקופ ואושפזה בבית החולים „דונולו" במצב חמור, פנו רופאים מבית החו־לים „דונולו" במצב חמור, פנו רופאים מבית החולים במיברק אל משרד האשרות בעיר ריגה שבבריה"מ, בבקשה שיתירו לבן לצאת אל אמו החולה.

(יו.פי.) ארגון היהודים למען יהודי בריה"מ האשים את־מול את השלטונות הסובייטיים במעשה רצח, בעקבות מותה של השחקנית דינה פודריאצ׳יק, זמן קצר אחרי שבנה אורי קיבל בפעם הרביעית תשובה שלילית לבקשתו לעלות מברית־המועצות לישראל. הארגון היהודי בניו־יורק תובע מבריה"מ לאפשר לבן לצאת מיד כדי שיוכל לפחות להשתתף בלוויית אמו בישראל.

„מעריב", 1975.8.29

■

דאָנערשטיק, דעם 28סטן אויגוסט, איז אין תל־אביב גע־שטאָרבן די שוישפּילערין און וואָרט־קינסטלערין דינה רויט־קאָפּ, די פֿרוי פֿון שרייַבער אליעזר פּאָדריאַטשיק. זיי זענען עולה געווען פֿון ר"פֿ אין 1971.

די וועלכע האָבן די קינסטלערין נענטער געקענט און געוווּסט וואָסערע לייַדן די דאָזיקע פֿרוי טראָגט אין זיך, האָבן שטאַרק באַוווּנדערט איר מוט און איר אויסדויער. זי האָט שרעקלעך געליטן צוליב דעם וואָס זייער איינציקער זון, וועלכער איז פֿאַרבליבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָט בשום־אופֿן נישט געקענט באַקומען קיין דערלויבעניש עולה צו זייַן. אַלע

אויסערגעוויינטלעכע מיטלען וואָס די אומגליקלעכע עלטערן האָבן אָנגעווענדט פֿון דאַנען האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דער אכזריות און רישעות פֿון די סאָוועטישע מאַכטאָרגאַנען. דינה רויטקאָפּ איז אַפֿילו לעצטנס ספּעציעל געפֿאָרן קיין אַמעריקע און דאָרט געפּרוּווט אַלץ טאָן כדי צו ווירקן אויף די מאַכט־אָרגאַנען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט.

אַ פֿאַרצווייפֿלטע האָט זיך די אומגליקלעכע מאַמע אומגעקערט קיין ישראל און דאָ איז זי אַוועקגעפֿאַלן.

„פֿאָלקסבלאַט" 8־9 (81־82) אויגוסט־סעפּטעמבער 1975

■

אַ גרויסער עולם פֿון הונדערטער מענטשן האָט זיך באַטייליקט נעכטן אין דער לוויה פֿון דער שוישפּילערין דינה רויטקאָפּ אויפֿן בית עלמין פֿון קרית שאול נעבן תל־אביב.

צווישן די באַגלייטער אין דעם לוויה־צוג האָבן זיך, צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם עסייִסט און ליטעראַטור־פֿאָרשער לייזער פּאָדריאַטשיק, באַטייליקט אַ גרויסע צאָל ייִדישע שרײַבערס, זשורנאַליסטן און נײַע עולים פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווי אויך וותיקים, פֿאַרערערס פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער.

בײַם אָפֿענעם קבר האָבן מספּיד געווען דער דיכטער הירש אָשעראָוויטש און דער אַרטיסט שמואל עצמון פֿון „הבימה"־טעאַטער. דער ברודער פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער האָט געזאָגט קדיש. מיט אַ טיפֿן ווייטיק האָבן די הונדערטער באַגלייטערס אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד דער פֿאַרשטאָרבענער שוישפּילערין דינה רויטקאָפּ.

„לעצטע נײַעס", 1975.9.1

דער פּלוצלונגדיקער טויט פֿון דינה רויטקאָפּ האָט מיט טיפֿן ווייטיק זיך אָפּגערופֿן אין די הערצער פֿון אַלע ייִדישע קולטורמענטשן אין ישראל און ווײַט מחוץ דעם לאַנד.

אומגעריכט איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס לעבן פֿון דער טאַלאַנטפֿולער אַרטיסטין, וועלכע האָט באַטראַכט ווי אַ לעבנסמיסיע, צו ברענגען דאָס ייִדישע קינסטלערישע וואָרט צווישן די ברייטסטע פֿאָלקסמאַסן, קודם־כּל דאָס וואָרט פֿון די גרויסע מײַסטערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די סטאַלינישע הענקערס.

גאָר יונג איז דינה רויטקאָפּ געקומען אויף דער ייִדישער טעאַטער־בינע. נאָכן פֿאַרענדיקן די באַרימטע ייִדישע טעאַטער־סטודיע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט דער גרויסער שלמה מיכאָעלס, ווערט זי ווי אַ באַזונדערס באַגאַבטע אַרטיסטין אָנגענומען אין דעם קינסטלערישן קאָלעקטיוו פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער.

זי לעבט איבער די שרעקלעכע טראַגעדיע — דעם מאָרד איבער שלמה מיכאָעלס, די ליקווידאַציע פֿון ייִדישן מלוכה־טעאַטער, דעם אַרעסט פֿון די ייִדישע שרײַבערס און בינע־קינסטלערס.

נאָך סטאַלינס טויט, ווען עס שאַפֿן זיך די מינדסטע מעגלעכקייטן אַרויסצוקומען מיטן ייִדישן וואָרט פֿאַר די ברייטסטע ייִדישע מאַסן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, לאָזט זיך דינה רויטקאָפּ, צוזאַמען מיט דער באַרימטער ייִדישער פֿאָלקסזינגערין נחמה ליפֿשיץ, איבער שטעט און שטעטלעך מיט רעציטאַציעס פֿון די פּרעכטיקע שאַפֿונגען פֿון די ייִדישע שרײַבערס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אומעטום ווערן אירע אױפֿטריטן אויפֿגענומען מיט אומבאַשרײַבלעכן ענטוזיאַזם, וועקנדיק דעם מוט און גלויבן בײַ די געליטענע ייִדישע פֿאָלקסמענטשן.

די פֿרייד פֿון אָנקומען (מיט 4 יאָר צוריק) קיין ישראל ווערט נאָך אַנאַנד איר געשטערט דורך דער רישעות פֿון די סאָוועטישע אָרגאַנען, וועלכע זאָגן אָפּ דעם אייניציקן זון, אורי, צו פֿאַראייניקן זיך מיט טאַטע־מאַמע. דינה רויטקאָפּ קעמפֿט אומאויפֿהערלעך פֿאַר אירע מוטעררעכט צו ברענגען איר אייניציק קינד קיין ישראל. זי דעמאָנסטרירט מוטיק איר פּראָטעסט קעגן דער ווילדער אוממענטשלעכער האַנדלונג. מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז זי געווען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווו זי האָט דעמאָנסטרירט איר מוטעררעכט און מוטער־וויי בײַ דער געבײַדע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס.

דאָס פֿילבאַרע האַרץ פֿון דער אַזוי שווער געטראָפֿענער מוטער און קינסט־

לערין, וועלכע האָט נישט ווייניק שוועריקייטן באַגעגנט אויף איר וועג צום דינען מיט איר קינסטלעריש וואָרט דער קולטור־אַנטוויקלונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם פּײַן.

געבליבן איז דער ווייטיק בײַ אירע פֿילצאָליקע פֿרײַנד און פֿאַרערערס פֿון איר טאַלאַנט, וועלכע האָבן איר באַגלייט צום אָרט פֿון איר אייביקער רו — אין דער ערד פֿון ישׂראל.

כבוד דעם אָנדענק פֿון דינה רויטקאָפּ!

„פֿרײַ ישׂראל", נומ' 7 (1364), אויגוסט 1975

ג

דינה רויטקאָפּ

אין קורצן וועגן זיך

(פֿון אַ שמועס אין שדורי ישראל)

מײַן קינדהייט איז פֿאַרלאָפֿן אין קליינעם שטעטעלע רעזשיצע (רע־זעקנע), אין לעטלאַנד. מײַנע עלטערן זענען ניט געווען קיין פֿרומע, אָבער מען האָט אָפּגעהיט אַלע ייִדישע מינהגים. שבת פֿלעגט זײַן שבת, יום־טוב פֿלעגט זײַן יום־טוב. צוליב וואָס דערמאָן איך דאָס, דאָס זענען דאָך עלעמענטאַרע זאַכן, וואָס אַלע ווייסן וועגן דעם. נאָר וואָס עלטער איך ווער, אַלץ קלאָרער ווערט מיר, וואָס פֿאַר אַ רײַכער קולטור־אוצר איז אין דעם שטייגער פֿון אַמאָליקן שטעטל פֿאַרבאָרגן. פֿאַר מיר פּערזענלעך איז ער ביז הײַנט צו טאָג אַן אומאויסשעפּנדיקער קוואַל אין מײַן אַרבעט. אַלע מײַנע יאָרן, צי איך האָב געאַרבעט איבער אַ געשטאַלט אין טעאַטער, צי כ'האָב געגרייט אַ דערציילונג, אָדער אַ ליד פֿאַרצולייענען, זענען מיר שטענדיק אויפֿגעשווומען אַסאָציאַציעס, פּראָטאָטיפּן פֿון מײַן שטעטל, און דאָס האָט מיר אַ סך געהאָלפֿן.

די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ שעפֿערישן מענטשן הייבט זיך אָן פֿון דעם מאָמענט ווען ער הייבט אָן פֿאַרגעדענקען און באַזינען, וואָס עס געשעט מיט אים און אַרום אים. דאָס ערשטע בילד פֿון מײַנע קינדער־יאָרן, וואָס האָט זיך פֿאַרקירצט אין מײַן זכרון: — מײַן באָבעס הענט, בעת זי פֿלעגט ערב שבת ליכט בענטשן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיי זענען דורכזיכטיק און איך זע דורך זיי די פֿאַרכט און דעם עקסטאַז פֿון איר פּנים. מײַן באָבע איז געווען אַ פֿירזאָגערין. מיך פֿלעגט זי שטענדיק מיטנעמען אין דער ווײַבערשער שול. ניט ווייניק טרערן פֿלעג איך פֿאַרגיסן קוקנדיק אויף די פֿאַרוויינטע פּנימער פֿון די ווײַבער אין שול, וואָס פֿלעגן זיך שאָקלען און בליפּען לויטן ריטעם פֿון מײַן באָבעס תחינה־זאָגן. מײַן נטיה צו טעאַטער, באַזונדערס צו דער רעציטאַציע־קונסט, האָב איך, זעט אויס, געירשנט פֿון מײַן באָבען. אין מײַן אַרבעט ווינטש איך מיר שטענדיק, עס זאָל זיך אויך מיר אײַנגעבן אַרײַנדרינגען אין די הערצער און ווירקן אויף מײַנע צושויערס, פּונקט ווי מײַן באָבע האָט געווירקט מיט אירע תחינות אויף אירע צוהערערינס. בײַ מיר איז טעאַטער אַ קולט. ווען איך טרעט אַרויף אויף דער בינע ווער איך באַהערשט

פֿון אַזאַ מין געפֿיל, וואָס נאָר שטאַרק רעליגיעזע מענטשן, דאַכט זיך, פֿילן, ווען זיי טרעטן אַריבער די שוועל פֿון דער קלויז.

אויף דער ראַמפּע פֿון דער בינע בין איך אַרויף זייער פֿרי, אין די שוליאָרן, מיט די דראַמאַטישע פֿאַרשטעלונגען אין דער העברעיִשער מיטלשול פֿון מײַן געבורטשטעטל. פֿון יענער צײַט, אייגנטלעך, הייבט זיך אָן מײַן ראָמאַן מיטן טעאַטער. די שול־פֿאַרשטעלונגען רעכן איך אַרײַן אין מײַן אַקטיאָרישן סטאַזש, מחמת שוין אין זיי האָב איך דורכ־געלעבט די ערשטע לײַדן און פֿריידן פֿון דער טעאַטער־קונסט.

נאָכן ענדיקן די מיטלשול האָבן די עלטערן געהאַט זייערע פּלענער, ווי אַלע עלטערן אין דער וועלט. מיר האָט אָבער געצויגן צו טעאַטער. און קעגן זייער ווילן בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין ריגע און אַרײַנגעטראָטן אין דער סטודיע בײַם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער (כ׳האָב ערשט שפּעטער פֿאַרשטאַנען, וויפֿל עגמת־נפֿש כ׳האָב פֿאַרשאַפֿט מײַנע עלטערן). אויף דעם פּעריאָד, וועלכער האָט געדויערט כּמעט אַ יאָר, און אויף דעם אויס־בראָך פֿון דער מלחמה, מיט אַלע נאָכפֿאָלגן פֿון עוואַקואַציע, ווען איך, אַ יונג מיידל, האָב איינע אַליין זיך געוואַלגערט איבערן גרויסן רוסלאַנד, וועל איך זיך ניט אָפּשטעלן, דערצו זענען נייטיק טעג און חדשים. איך וועל בעסער דערציילן וועגן דעם שענסטן פּעריאָד אין מײַן לעבן, דאָס אָנקומען און לערנען אין דער מאָסקווער טעאַטער־סטודיע, און מײַן שפּעטערדיקע אַרבעט אין מאָסקווער ייִדישן טעאַטער. קודם־כּל קומען מיר אויפֿן זינען מײַנע לערערס. טעאַטער־קונסט האָט מיך געלערנט די באַקאַנטע רעזשיסאָרין אַלעקסאַנדראַ אַזאַרך. אגבֿ, די פֿרוי פֿון דעם באַוווּסטן רעזשיסאָר, גרונטלייגער פֿון מאָסקווער ייִדישן טעאַטער — גראַנאָווסקי. שרה ראָטבאַום האָט אין מיר אויסגעבילדעט די באַציִונג צום וואָרט און קלאַנג. אומפֿאַרגעסלעך זענען די לעקציעס פֿון מיכאָעלס, זוסקין.

איך וויל מיט עטלעכע ווערטער דערציילן וועגן מײַן אָפּגעבן די עקזאַמענס אין טעאַטער־סטודיע. דאָס איז געווען אין טאַשקענט, וווּ עס האָט אין די מלחמה־יאָרן זיך געפֿונען דער טעאַטער מיט דער סטודיע. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פֿון אַזאַרך, זוסקין און דעם דירעקטאָר פֿון דער טעאַטער־סטודיע משה בעלענקי. כ׳האָב געלייענט י. ל. פּרצעס דערציילונג „דער אַלטער ניגון״. דערנאָך האָט מען מיך געבעטן זינגען. דאָ האָב איך זיך פֿאַרלוירן. קיין ייִדישע לידער האָב איך ניט געקענט, ווײַל מײַן קינדהייט און יוגנט איז פֿאַרלאָפֿן אין העברעיִשע קרײַזן און

מאָסקווער ייִדישע טעאַטער־שול (דינה — צווייטע פֿון לינקס, צווייטע ריי), טאַשקענט 1943

כ'האָב געוואָלט נאָר העברעיִשע לידער. איז ייִדישע קען איך ניט, העב־רעיִשע האָב איך ניט געוואָלט צי מען מעג, האָב איך שטיל אַרויסגע־שטאַמלט, אַז איך קאָן זינגען נאָר העברעיִשע לידער. אַרויסגעהאָלפֿן האָט מיר דער דירעקטאָר: „זינג, מיידעלע, וואָס דו קענסט". האָב איך געזונגען איינע פֿון מײַנע באַליבטסטע לידער, רחלס „בן לו היה לי" און אויף די פּנימער פֿון מײַנע עקזאַמינאַטאָרס האָב איך באַמערקט, אַז זיי האָבן הנאה געהאַט.

די לערע אין סטודיע האָט מיר זייער פֿיל געגעבן. איך האָב געאַר־בעט איבער געשטאַלטן פֿון שעקספּיר, לאָפּע דע וועגאַ, קלאַר, שלום־עליכם, נאָר דער סאַמע באַליבטסטער שרײַבער איז בײַ מיר געווען, און פֿאַרבליבן ביז הײַנט, י. ל. פּרץ. מיר איז צום נאָענטסטן דער גורל פֿון זײַנע פֿרויען־געשטאַלטן.

אויב איך האָב פֿריִער געזאָגט, אַז דאָס שענסטע אין מײַן לעבן איז געווען די סטודיע, איז דאָס אַרבעטן אין טעאַטער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון שלמה מיכאָעלס געווען אויב ניט נאָך העכער. דערציילן פֿון מײַן אַרבעט אין טעאַטער בהדרגהדיק, אויף דעם וועט אונדז הײַנט קיין צײַט ניט קלעקן. איך וועל זיך באַגנוגענען נאָר מיט דערמאָנען אייניקע פֿון די פֿאַרשטעלונגען אין וועלכע איך האָב אָנטייל גענומען. אין פּרץ מאַרקישעס „דער אויפֿשטאַנד אין געטאָ" האָב איך געשפּילט אַ ייִדיש מיידל וואָס באַהאַלט זיך אויס אין אַ קלויסטער; אין אַ. הובערמאַנס פּיעסע „כּדי צו לעבן" — אַ יונגע דאָקטאָרשע; אין דער פֿאַרשטעלונג „וועלדער רוישן" — אַ פּאַרטיזאַנקע. באַזונדערס ווילט זיך מיר אויס־טיילן די פֿאַרשטעלונג „פֿריילעכס" און די רעפּעטיציעס פֿון דוד בער־געלסאָנס „פּרינץ ראובני" — ביידע רעזשיסירט פֿון שלמה מיכאָעלס. פֿאַר וואָס גראָד די צוויי עפּיזאָדן? פֿאַר וואָס גראָד וועגן דעם? ווײַל „פֿריילעכס" איז געווען מער ווי אַ געוויינלעכע טעאַטער־פֿאַרשטעלונג. דאָס איז געווען דאָס לעצטע שוואַנען־ליד פֿון טעאַטער און מיכאָעלסן. „פֿריילעכס", וואָס איז געווען אויפֿגעפֿירט תּיכּף נאָכן גרויסן חורבן, איז ניט געווען סתּם פֿריילעך צו מאַכן, ניין, ס'איז געווען אַ באַזינטע פֿרייד, און אַ מין הימען דער אומשטערבלעכקייט פֿון פֿאָלק.

איך האָב געשפּילט איינעם פֿון די זעקס שמשימלער, די באַהעל־פֿערס פֿון צוויי ווידערשפּרעכלעכע בדחנים (זוסקין און שטיימאַן), וועל־כע האָבן פֿאַרבונדן די דורות און האָבן סימבאָליזירט מיט זיך די ניט־איבערגעריסענע גאָלדענע קייט.

פֿאַר וואָס דויד ראובני? — ס'איז מיר שווער צו זאָגן קאָנקרעט, איך געדענק נאָר, אַז דאָס האָט זיך געגרייט עפּעס גרויסעס און באַדײַטנדיקס. מיכאָעלס אַליין האָט געזאָלט שפּילן דויד ראובני. די רעפּעטיציעס פֿלעגן פֿאָרקומען מיט חסידישער באַגײַסטערונג. מיר האָט מען פֿאַרטרויט צו שפּילן אַ בלינדע פֿרוי (בײַ דויד ראובני אין הויז). איך בין געווען גליקלעך מיט דער ראָלע און איבער גליקלעך פֿון האָבן אַ דירעקטן שעפֿערישן קאָנטאַקט מיטן גרויסן מיכאָעלס. נאָר צום באַדויערן איז דער טרוים ניט מקוים געוואָרן. דער ספּעקטאַקל איז ניט רעאַליזירט געוואָרן און די גאָלדענע קייט איז מערדעריש איבערגעריסן געוואָרן. און עס גייען אַוועק אַ סך שטומע און שווערע, גאָר שווערע יאָרן, ווען מען האָט אַפֿילו מורא געהאַט צו טראַכטן אין ייִדיש. ערשט אין 1958 האָב איך ווידער באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אויף דער בינע. צו ערשט אַליין, מיט ליטעראַרישע פֿאָרלעזונגען. אין דעם האָט מיר אַ סך געהאָלפֿן דער באַקאַנטער אַקטיאָר און רעזשיסאָר משה גאָלדבלאַט. שפּעטער בין איך אַרויסגעטראָטן מיט פֿאַרשידענע זינגערס: בנימין כאַיאַטאַוויסקי, פֿאַקעמפּענער א"א. באַזונדערס אינטערעסאַנט זענען געווען די יאָרן ווען כ'האָב אַרויסגעטראָטן מיט נחמה ליפֿשיץ. מיר זענען צוזאַמען אַרומגעפֿאָרן אין דער לענג און ברייט פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, געבראַכט דאָר ייִדישע וואָרט אין די סאַמע ווײַטסטע עקן פֿון רוסלאַנד.

מײַנע אַרויסטרעטונגען האָט אָפֿט מאָל באַשטימט דער צושויער. די ערשטע צײַט פֿלעגט באַזוכן די קאָנצערטן מערסטן טייל דער עלטערער דור, וועלכער האָט נאָך פֿאַרשטאַנען ייִדיש. כ'פֿלעג פֿאַר זיי לייענען פּרצן, שלום־עליכעמען, די מאָדערנע ייִדישע שרײַבערס, אַלץ אין ייִדיש. מיט דער צײַט האָט זיך דער צושויער געענדערט. אַלץ מער און מער האָבן גענומען קומען יוגנטלעכע אויף די קאָנצערטן. און זיי האָבן קיין ייִדיש ניט פֿאַרשטאַנען. האָב איך געבויט די פּראָגראַם אַזוי, אַז כ'פֿלעג לייענען ייִדיש און דאָס זעלביקע גלײַך אין אַ רוסישער איבערזעצונג. כּדי די יוגנט זאָל אויך פֿאַרשטיין.

איך מיין אַז ניט די שפּראַך איז געווען דאָס וויכטיקסטע. עפּעס האָט זיך געשאַפֿן אַן אינערלעך אינטימער קאָנטאַקט מיטן צושויער. איך פֿלעג פֿאַר זיי צוקלײַבן אַלץ נײַע און נײַע לידער און בין דערגאַנגען ביז ביאַליקן, אַפֿילו צו יהודה הלוי. און דאָס אין עברית. פֿאַרשטייט זיך, גלײַכצײַטיק אין אַ ייִדישער און רוסישער איבערזעצונג.

איצט, ווען איך טרעט אַרויס מיט פֿאַרלעזונגען אין ישראל, שטעלט איר זיך ניט פֿאָר, ווי רירנדיק עס איז, ווען זייער אָפֿט פּאַסירט אַז אין זאַל געפֿינען זיך אַ סך פֿון די, וואָס האָבן דאָרטן באַזוכט מײַנע קאָנצערטן, און מיר זעצן פֿאָר דעם דיאַלאָג, אָבער גאָר פֿון אַן אַנדער אינהאַלט און כאַראַקטער.

איינע פֿון מײַנע פּראָגראַמען דאָ אין לאַנד מיט נאָמען „לא אמות כי אחיה", איז געבויט דער עיקר פֿון די שאַפֿונגען פֿון די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבערס. דאָס איז ניט צופֿעליק. גלײַך נאָך דער מלחמה בין איך געקומען אין מײַן שטעטל און געזען דעם חורבן. זיך אָנגעהערט שוידערלעכע געשיכטעס וועגן דעם וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט מײַן משפּחה, מיט אַלע ייִדן. ניטאָ כּמעט קיין איין בוך וועגן דער שואה, איך זאָל ניט האָבן געלייענט און איבערגעלעבט. אויף די חורבות פֿון מײַן חרוב־געוואָרענער היים האָב איך אַ נדר געגעבן — קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן, דערציילן און דערמאָנען וועגן דעם אומאויפֿהערלעך. ניט נאָר וועגן דעם חורבן, נאָר אויך וועגן דער גײַסטיקער דערהויבנקייט און העלדישקייט פֿון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין יענע גרוילִיקע יאָרן.

אין לאַנד האָט מיר אָפּגעגליקט. כּמעט גלײַך ווי איך בין געקומען צו פֿאָרן האָט מען מיך אָנגענומען אַרבעטן אין „הבימה", וואָס איז געווען פֿאַר מיר אַ טרוים און אַ לעגענדע. ביז הײַנט ווײַזט זיך מיר נאָך אויס אַז דאָס איז אַ חלום. די ערשטע ראָלע וואָס איך האָב באַקומען איז געווען די וועכטערין אין סטרינדבערגס דראַמע „טרוימען־שפּיל". עס גלייבט זיך מיר אויך ניט אַז אין דער דראַמע־פֿאַרשטעלונג „בריוו פֿון ווענעציע", וווּ ס׳שפּילט די גרויסע קינסטלערין חנה ראָווינאַ, שפּיל אויך איך. מײַן ראָלע איז אַן עפּיזאָדישע, אָבער געפֿינען זיך מיט חנה ראָווינאַ אויף דער בינע, איז שוין אַ באַלוינונג.

איך וויל נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם פֿילם, אין וועלכן כ׳האָב אָנטייל גענומען. ווען איך האָב דורכגעלייענט דעם סצענאַר און דערנאָך דעם בוך פֿון עמוס עוז „מיכאל שלי" — בין איך באַגײַסטערט געוואָרן. די ראָלע פֿון דער מומע זשעניע איז מיר זייער געפֿעלן. ס׳איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן. זי וויל טאָן וואָס בעסער פֿאַר איר פּלימעניק, וועלכן זי האָלט פֿאַר אַן אייגן קינד. קיין מוטער האָט ער ניט און זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט. זי וויל פֿון גאַנצן האַרצן וואָס בעסער, נאָר זי געהערט צום עלטערן דור, וועלכער פֿאַרשטייט ניט שטענדיק דעם ייִנגערן דור. און איר גוטער ווילן און גוטע כוונות ברענגען פֿאַר־

קערטע רעזולטאַטן. דאָס איז אַן אַלגעמיינע פּראָבלעם אין דער גאַנ־צער וועלט און אין אַלע דורות.

דער רעזשיסאָר פֿון פֿילם דן וואָלמאַן האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך, געבעטן לייענען אַ פֿראַגמענט פֿון דער ראָלע און געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג פּאַס איך פֿאַר דער ראָלע און ער האָט מיר פֿאָרגעלייגט אָנטייל נעמען אין פֿילם. איך מוז זיך מודה זיין, אַז כ׳בין געווען אָנ־גענעם איבערראַשט. פֿאָרנדיק דאָס ערשטע מאָל קיין ירושלים צו די ערשטע אויפֿנאַמעס, האָב איך זיך געשראָקן. קיין פּראַקטיק אין פֿילם האָב איך ניט געהאַט, נאָר ס׳זעט אויס אַז דן האָט מיט זיין איבער־צייגונג־קראַפֿט דערוועקט אין מיר אַן אינערלעכע זיכערקייט. עס איז פֿאַר מיר געווען אַ גרויסער געווינס צו אַרבעטן מיט דן וואָלמאַן. איך האָב באַוווּנדערט זיין קינסטלערישן שווּנג, זיין צוגאַנג צו דער אַרבעט, זיינע דערקלערונגען, זיין אינטערפּרעטירן די געשטאַלטן. מיר האָט ער זייער אַ סך געהאָלפֿן, ווי צו באַהערשן די טעכניק, ווי צו בויען די געשטאַלט פֿון דער דודה זשעניע, אדג״ל.

אין ישראל זענען פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אַ סך פֿון מיינע טרוימען, אַפֿילו אָנטייל צו נעמען אין פֿילם. חוץ דעם, פֿון מיין קינדהייט אָן בין איך געוואַקסן אין גייסט פֿון העברעיִש, זיך דערצויגן אין ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. די ערשטע שפּראַך וועלכע כ׳האָב געלערנט איז געווען עברית. דאָס ערשטע ליד וואָס כ׳האָב געזונגען איז געווען אין עברית. פֿאַרשטייט איר שוין מיינע עמאָציאָנעלע איבערלעבענישן: איך האָב זוכה געווען, כאָטש מיט אַ גרויסער פֿאַרשפּעטיקונג, צו לעבן און אַרבעטן אין דער גייסטיקער אַטמאָספֿער, אין וועלכער כ׳בין געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט.

דעם אויסערן־מיניסטער
פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד
הער אַ. גראָמיקאָ

יוני 1973

חשובער הער מיניסטער!

איך בעט זייער מיר אַנטשולדיקן וואָס איך באַאומרויִק אײַך. איך ווייס אַז איר זענט זייער פֿאַרנומען מיט וויכטיקע מלוכה־ענינים. איך וויל אָבער האָפֿן, אַז איר וועט געפֿינען כאָטש 2־3 מינוט אויסצוהערן דעם ווייגעשריי פֿון אַ מוטער, וואָס איז אַ לאַנגע צײַט מיט גוואַלד אָפּגעריסן פֿון איר אײנציק קינד.

איך וועל זיך באַמיִען צו זײַן זייער קורץ:

איך און מײַן מאַן האָבן אין אויגוסט 1971 באַקומען פֿון די געהעריקע סאָוועטישע מאַכטאָרגאַנען די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן קיין ישראל. צו אונדזער גרויסער באַדויערונג איז אונדזער אײנציקער זון ניט אומשטאַנד געווען זיך צו פֿאַראײניקן מיט אונדז. אויף זײַנע אומאויפֿהערלעכע בקשות מען זאָל אים דערלויבן עולה זײַן קיין ישראל באַקומט ער שטענדיק אַן אָפּזאָג. דערבײַ האָט מען אים יעדער מאָל דערקלערט, אַז אַזוי ווי ער האָט אין 1968—1969 געדינט אין דער אַרמיי, קאָן ער אַזאַ דערלויבעניש באַקומען ערשט דאַן, ווען עס וועלן אַריבער דרײַ יאָר ווי ער האָט זיך באַפֿרײַט פֿון אַרמיי. נאָך דעם ווי דער דאָזיקער טערמין האָט זיך געענדיקט האָט מײַן זון ווידער אָנגעהויבן ווענדן זיך מיט זײַנע בקשות צום „אָוויר" אין ריגע, מען זאָל אים געבן די צוגעזאָגטע דערלויבעניש זיך צו פֿאַראײניקן מיט זײַנע על־טערן. אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע פֿריִערדיקע פֿאַרזיכערונגען האָלט מען אים ווײַטער אין איין אָפּזאָגן. מיטן פּשוטן מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד איז ניט גרינג צו באַנעמען פֿאַר וואָס דער ריגער „אָוויר" האַנדלט אַזוי. עס איז אויך שווער צו פֿאַרשטיין, וואָס עס קאָנען זײַן די סיבות, וואָס מײַן זון קאָן זיך ניט דערשלאָגן זײַנע עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט — לעבן צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן. בעת זײַן מיליטער־דינסט איז ער דאָך געווען ניט מער ווי אַן אײנפֿאַכער סאָלדאַט, וואָס זײַן עיקר־אויפֿגאַבע איז געווען רייניקן די סאַניטאַרע ערטער אין קאַזאַרמע און אַכטונג געבן, אַז די וואַסער־לייטונגען זאָלן פֿונקציאָנירן נאָרמאַל. איצט איז שוין דאָס פֿערטע יאָר זינט מײַן זון האָט זיך באַפֿרײַט פֿון אַרמיי און אין ציווילן לעבן איז ער אויך ניט מער ווי אַן אײנפֿאַכער אַרבעטער — אַ טעכניקער פֿון קעלטערס (און מאָטאָרן). קלאָר אַז קיין מיליטערישע־און מלוכה־סודות קאָן מײַן זון ניט באַזיצן. דאָס ניט

דערלויבן אים עולה זײַן און לעבן צוזאַמען מיט אונדז אין ישראל איז, גלייב איך, אַן אײנפֿאַכע מיספֿאַרשטייעניש אָדער פשוט: אַ בייזוויליקייט מצד די פקידים אין דעם „אָוויר״ פֿון ריגע.

צו דעם אַלעמען וויל איך נאָך צוגעבן פֿאָלגנדיקס: מײַן מאַן איז אַן אינ־וואַליד. נאָך לעבנדיק אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן די דאָרטיקע געהעריקע אָרגאַנען פֿעסטגעשטעלט אַז ער האָט פֿאַרלוירן 70% פֿון זײַן אַרבעטס־פֿעיִקייט און אים דערקלערט ווי אַן אינוואַליד אויפֿן גאַנצן לעבן. אויך איך בין ניט קיין געזונטער מענטש. איך לײַד פֿון אַ האַרצקראַנקייט און פֿון אַ הויכן בלוט־דרוק. דאָס זײַן אַזוי לאַנג אָפּגעריסן פֿון אונדזער איינציקן זון פֿאַרשטאַרקט נאָך מער אונדזערע פסיכישע און פֿיזישע לײַדן. די ניט־געזעצלעכע און אומ־מאָראַלישע האַנדלונג מצד דעם „אָוויר״ אין לעטלאַנד פֿאַרשאַפֿט אומזיסט שווערע לײַדן אונדזער משפחה; דער זון איז פֿאַרבליבן אין ריגע אַן עלנטער, אָן פֿרײַנד און קרובים און מיר זענען פֿיזיש און גײַסטיק צעבראָכן.

חשובער הער מיניסטער, איך לייג גרויסע האָפֿענונגען אויף אײַער מאָראַ־לישער פערזענלעכקייט. איך גלייב און בין איבערצײַגט, אַז איר קאָנט מיר העלפֿן. איר מיט אײַער אויטאָריטעט קאָנט ווירקן מען זאָל אויסקלאָרן דעם ענין פֿון מײַן זון און אים לייזן פּאָזיטיוו.

מיט האָפֿענונג און גלייבן, אַז איר וועט זײַן אַזוי ווילגינציק און מיר העלפֿן, דאַנק איך אײַך פֿון פֿאָרויס.

מיט אַכטונג

דינה רויטקאָפּ־פּאָדריאַטשיק

זייער געשעצטע מאַדאַם אסתּר קאַלעטש! מאַרט 1973

איך ווענד זיך צו איַיך ווי צו אַ מוטער און בעט, העלפֿט מיר!

מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק בין איך מיט מיַין מאַן געקומען קיין ישׂראל, מיט האָפֿענונג אַז אויך אונדזער איינציקער זון וועט אונדז נאָכפֿאָלגן אין דער נאָענטער ציַיט. צו אונדזער צער און שמערץ זענען מיר ביז היַינט צו טאָג מיט אים צעשיידט, מחמת מען לאָזט אים ניט אַרויס פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. די סיבה איז כלומרשט די, וואָס ער האָט זיַינער ציַיט געדינט אין דער סאָוועטישער אַרמיי. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ ריין פֿאָרמעלער צוגאַנג. מיר זענען באַקאַנט אַ סך פֿאַלן, ווען בחורים אין עלטער פֿון מיַין זון, וועלכע האָבן אויך געדינט אין דער אַרמיי, זענען שוין לאַנג געקומען אין ישׂראל. מיַין זון איז אין דער אַרמיי געווען ניט מער ווי אַן איינפֿאַכער טעכניקער פֿון וואַסער־לייטונגען. ער באַהערשט ניט קיין שום סודות, וואָס זאָלן קענען ברענגען „שאָדן" דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. אויך היַינט צו טאָג איז ער אַן איינפֿאַכער אַרבעטער, פֿאַרנעמט ניט קיין וויכטיקע פּאָסטנס. און דאָך לאָזט מען אים ניט אַרויס, ניט קוקנדיק אויף זיַינע פּילצאָליקע בקשות און ווענדונגען. אויך מיט מיַינע בריוו, וואָס איך שריַיב אָן אויפֿהער צו פֿאַרשידענע באַאַמטע אין רוסלאַנד, און מיט מיַינע ווענ־דונגען צו פֿאַרשידענע אויטאָריטעטן אין דער וועלט, האָב איך זיך ביז היַינט צו טאָג קיין פּאָזיטיווע לייזונג ניט דערשלאָגן.

איך פֿיל, אַז די כוחות ענדיקן זיך ביַי מיר פֿון זאָרג און אומרו צוליב דעם גורל פֿון מיַין זון, וועלכער איז דאָרט, אין עלטער פֿון 23 יאָר, פֿאַרבליבן אין גאַנצן איינזאַם און אַליין; ביז אַ קורצער ציַיט צוריק איז דאָרט נאָך געווען מיַין ברודער, מיַין מאַנס שוועסטער, איצט געפֿינען זיי זיך שוין אויך אין ישׂראל.

ביַי דער געלעגנהייט וויל איך אויך באַמערקן, אַז מיַין מאַן איז אַן אינוואַליד. אויך איך ליַיד שוין זינט יאָרן פֿון הויכן בלוטדרוק און האָב אַ קראַנק האַרץ. דאַרף מען נאָך ביַי אונדז אָוועקרויבן דאָס איינציקע קינד? מיט כּח אָוועקרויבן ביַי מיר דאָס טיַיערסטע וואָס אַ מאַמע פֿאַרמאָגט: אָוועקגעבן די וואַרעמקייט און געטריַישאַפֿט איר איינציקן זון. וויפֿל איז עס באַשערט אַ מענטשן צו לעבן און געניסן פֿון דעם וואָס די נאַטור האָט געגעבן אַ מאַמען? און ביַי מיר רויבט מען עס אָוועק. עס איז מיר אומגעהיַיער שווער. איך האָב קיין ווערטער ניט אויסצודריקן מיַין צער און ווייטיק.

איך וויל האָפֿן אַז איר, ווי אַ פֿרוי, וועט פֿאַרשטיין מיַין צעבראָכן האַרץ און דערהערן מיַין וויַיגעשריי.

מיט אַכטונג

דינה רויטקאָפּ־פּאָדריאַטשיק

יוני 1974

דינה רויטקאָפ
רח' י' רובינשטיין 39/14
יפו ד', ישראל

מר תקוע הנכבד,

אני יודעת עד כמה טרוד אתה בבעיות כלליות חשובות, ואעפ"כ אני מרשה לעצמי לפנות אליך שנית בענין האישי שלי.

אשתדל לספר עליו בקיצור: זה שלוש שנים כמעט שבני היחיד, אורי פודריאַצ'יק, מגיש בקשות ל"אוביר" בריגה, לטביה, שירשו לו לעלות לישראל. הוא מקבל מדי פעם סרוב בתואנה שידועים לו, כביכול, סודות צבאיים. האמת שבני היה בצבא בסך הכל שרברב פשוט, עסק בניקוי צנורות מים ושרותים דומים. גם בעסוקו האזרחי הוא פועל פשוט.

בני פנה עשרות פעמים למוסדות שונים ולאישי מדינה בבריה"מ שיתירו לו להתאחד עם הוריו, אולם תשובה חיובית לא קיבל עד היום הזה. גם פניותי הבלתי פוסקות למוסדות הסובייטיים ולאישים רמי דרג שם לא עזרו.

לא אחת פניתי לעזרה למוסדות ואישים בעולם, כגון לנשיא ארה"ב, למזכ"ל האו"ם ואחרים — אולם עד כה בני עדיין איננו אתי.

זוהי טרגדיה קשה עבור בעלי ועבורי, ואיננו צעירים כבר. אנחנו שבורים ורצוצים הן בגוף והן בנפש. איננו רואים טעם בחיים כשמבננו היחיד מונעים באכזריות כזו לחיות אתנו.

אני מבקשת אותך מאוד, מר תקוע הנכבד, לעשות את כל אשר בכוחך על מנת לעזור לנו להיחלץ מהיאוש אליו הגענו בשלוש השנים האחרונות מאז אנחנו מנותקים מבננו. גם הוא, שם בבריה"מ, בודד וגלמוד, בלי הורים וקרובי משפחה.

בכבוד ובתודה
דינה רויטקאָפ־פאָדריאַטשיק

להלן הפרטים על בני:

Uri Lazarevich Podriachik,
born in 1949,
res. in Riga, Gorkogo 61, apt. 5.

D. Roitkop-Podriadchik
Brodetsky st. 36
Ramat Aviv, Tel Aviv
Israel

To Mr. Charles Chaplin

Dear Sir,

I was not easy for me to decide to ask you for your help, but you are so popular in the Soviet Union as the bearer of the ideas of humanism that I have taken the liberty to appeal to you in the following matter :

I am a Jewish actress, who performed in the former Michoels' Theatre in Moscow. My husband is a Jewish teacher and writer. As in the Soviet Union there are neither Jewish schools nor theatres, my husband and I, at the beginning of 1971, emigrated from the Soviet Union to Israel. Here I have been immediately accepted as an actress in the Israel National Theathre „Habima", and my husband (who is an invalid) works in the University of Tel Aviv in so far as his strength permits.

Our life has been darkened by the fact that our only son, the 23-year-old Uri Podriadchik, has remained alone in Riga. His ceaceless requests to the Soviet Organs and our please to them to permit our son to re-unite our divided family are constantly turned downö Our son's address is : Podriadchik Uri, Riga, Gorky St. 61, apt. 5.

The fact that our son has been torn away from us is a great shock and sorrow for us and we cannot rest in peace. Our son is not only still very young, he is also all alone and helpless. Our suffering is endless becouse our son has been artificially separated from us.

Because of your great popularity in the Soviet Union, an intervention in his favour on your part may have a decisive influence on the leaders of the USSR. I have therefore taken the liberty to appeal to you and, as a mother, to beg you : help me to re-unite with my only son.

Please forgive me for troubling you.

Thanking you in advance for your kind efforts and your reply,

Very respectfully yours,
D. Roitkop-Podriadchik

P. S. Please do not publish my letter.

75.7.29

מר ביקל הנכבד!

טײַערער פֿרײַנד, איך ווייס ניט ווען איר וועט לייענען מײַן בריוו. מעגלעך אַז איר רוט איצט אָפּ, אפֿשר פֿאָרט איר מיט קאָנצערטן, אָדער פֿאַרנומען אין אַ פֿילם? נאָר שרײַבן מוז איך אײַך.

אויפֿן פֿאָן פֿון דעם וואָס עס קומט פֿאָר בײַ אונדז און אַרום אונדז, אין אַזאַ אָנגעשטרענגטן מצב ווי מיר מאַכן דורך אין לאַנד, קאָן איך זיך ניט באַפֿרײַען פֿון מײַנע פּערזענלעכע יסורים. ס'איז נאַטירלעך, איר וועט מיר פֿאַרשטיין.

כ'האָב באַקומען פֿון מײַן אורי אַ טעלעגראַם, אַז דעם 21סטן יולי האָט מען אים ווידער אָפּגעזאָגט, ווידער די זעלביקע סיבה: רעזשים (סעקרעט). איך ווייס, כ'בין איבערצײַגט אַז דאָס איז נאָר אַ תּירוץ, ווײַל פֿיל אַנדערע בחורים נאָכן דינען אין אַרמיי זענען שוין לאַנג אין לאַנד, און בײַ אים איז שוין באַלד פֿינף יאָר, ווי ער האָט געענדיקט דינען. מען איז זיך פּשוט נוקם אין אונדז און אין אים. פֿאַר וואָס?

אַזאַ מזל.

שטעלט אײַך פֿאָר, נאָך דעם אַלעמען וואָס מען האָט געטאָן פֿאַר אונדז אין אַמעריקע האָבן מיר שטאַרק געהאָפֿט, אַז סוף־סוף וועט קומען דער אַזוי לאַנג געוואַרטער טאָג. כאָטש מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז ווי מיט אַ כּישוף־שטעקעלע וועט מען מײַן אורי אין איין טאָג ניט באַפֿרײַען, נאָר טיף אין האַרצן האָבן מיר געהאָפֿט...

טײַערער פֿרײַנד, איך ווייס ווי איר זײַט פֿאַרנומען, אָבער איך האָב ניט קיין אַנדער ברירה, ווי ווענדן זיך צו אײַך.

ווען איך בין געווען בײַ אײַך, האָט איר גערעדט וועגן שטילער דיפּלאָ־מאַטיע. אַלנפֿאַלס, אָנהייבן דערמיט. כ'בין מסכּים, כאָטש מײַן גערangל פֿיר איך שוין באַלד פֿיר יאָר. אויב איר געדענקט, האָט איר געזאָגט אַז איר פּרוּווט פֿאַרבינדן זיך מיטן שוואָגער פֿון קענעדי, איז עס אײַך געלונגען?

ווי איר זעט, האָבן די דרײַ טעלעגראַמעס, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט מיט אײַער איניציאַטיוו, צום באַדויערן, ניט געהאָלפֿן.

איר האָט אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אפֿשר זאָל אַ באַרימטע אַקטריסע — אַ מוטער, ווענדן זיך מיט אַ בריוו צו מאַליקן, מעגלעך, אַז ס'וואָלט אויך ניט שלעכט געווען — צו דאָברינינען, און טאַקע צום קיסר אַליין, צו ברעזשניעוון. קלאָר, אַז פֿאַר רוסלאַנד איז אַ קינאָסטאַר פּאָפּולערער.

אפשר האָב איך אַ טעות, נאָר איך פּיל, אַז מיט אַזאַ וועג, דורך אַקטריסעס, קאָן מען אפשר גיכער דערגיין צו זייערע הערצער (אויב זיי האָבן הערצער), ווי דורך דיפּלאָמאַטן. מיט דיפּלאָמאַטן האָבן די רוסן זייער אייגענעם חשבון, דאָס האָט דערוויזן דער לעצטער באַזוך פון אַזעלכע אָנגעזעענע פערזענלעכ־קייטן. צום באַדויערן האַנדלען די רוסן ווי זיי ווילן און טוען וואָס זיי ווילן.

טוט ווי איר פאַרשטייט, נאָר העלפט מיר, העלפט!

מיט אַכטונג

דינה רויטקאָפּ

אורי

לכבוד ד״ר ישראל מאָוושאָוויטש 75.7.29

טײַערער פֿרײַנד!

איך באַומרויִק אײַך שוין ווידער. כ׳בין זיכער, אַז איר נעמט עס ניט אויף פֿאַר אומגוט, איך פֿיל אַז איר באַציט זיך צו אונדזער משפּחה־טראַגעדיע מיט דער גאַנצער אויפֿריכטיקייט און וואַרעמקייט, דעריבער דערלויב איך זיך ווענדן צו אײַך.

כ׳האָב באַקומען פֿון מײַן זון אַ טעלעגראַם, אַז דעם 21סטן יולי האָט מען אים ווידער אָפּגעזאָגט. אין טעלעפֿאָן האָט ער מיר דערציילט, אַז דער אָנפֿירער פֿון „אָוויר״ אין ריגע האָט עס אים געמאָלדן מיט געלעכטער און שפּאָט, און אויף אַלע טענות פֿון מײַן זון האָט ער לאַכנדיק געזאָגט, אַז דאָס איז פֿון אים ניט אָפּהענגיק. פּשוט, זיי איזדיעקעווען זיך איבער אונדז און איבער אים. איך דאַרף אײַך ניט באַשרײַבן אונדזער צושטאַנד. ס׳איז פֿאַר אונדז אַ שווערער קלאַפּ. ווו נעמט מען כח?

איך האָב אַזוי געהאָפֿט, אַז אַלע באַמיִונגען פֿון אײַך און פֿון אַנדערע וועלן העלפֿן. כ׳ווייס ניט, צי דעם סענאַטאָר יעבץ איז געלונגען איבערצוגעבן דעם נאָמען פֿון אורי, ווי ער האָט עס געוואָלט מאַכן, אויב אַפֿילו יאָ, ווייסט איר דאָך גוט, וואָס פֿון די באַגעגענישן איז אַרויסגעקומען און דערווײַלע איז מיר שלעכט. וווּנדערט זיך ניט, וואָס כ׳בין אַזוי עגאָיִסטיש און טראַכט נאָר וועגן זיך, אַזוי איז עס, אַ מאַמע.

ליבער מר מאָוושאָוויטש, איר קלײַבט זיך פֿונאַנדער בעסער פֿון מיר, ווי צו האַנדלען ווײַטער, איך ווייס נאָר, אַז מען טאָר ניט שווײַגן, מען מוז פֿאָרזעצן דעם קאַמף, ביז כ׳וועל דערלעבן צו זען מײַן איינציק קינד לעבן זיך.

אפֿשר איז כּדאַי, ווי איר האָט אַ מאָל געזאָגט, ווענדן זיך צו סענאַטאָר בוקלי? איך בין דאָך געווען בײַ זײַן אַסיסטענט און האָב אַלע פּאַפּירן אים איבערגעלאָזט, געבעטן, בוקלי זאָל אַדאָפּטירן מײַן זון, צי האָט דער אַסיסטענט באַקאַנט דעם סענאַטאָר מיט אונדזער ענין, ווער ווייס? דעריבער בעט איך אײַך, באַשטימט ווי איר געפֿינט פֿאַר נייטיק. מעגלעך, אַז אויך דעם סענאַטאָר יעבץ דאַרף מען ניט לאָזן צו רו?

איך בין אין גאַנצן צעמישט און ווייס ניט ווּהין זיך צו וואַרפֿן, איך ווייס, אַז איר וועט אונדז ניט פֿאַרלאָזן און מיטן אייבערשטנס הילף מוז קומען די גאולה, און ס׳וועט נעמען אַ סוף צו מײַנע טרערן און יסורים.

גריסט גאָר האַרציק אײַער פֿרוי, כ׳ווינטש אײַך געזונט און אַל דאָס גוטס.

מיט אַכטונג און פֿרײַנדשאַפֿט

דינה רויטקאָפּ־פּאָדריאַטשיק

75.7.6

טײַערע פּאַלין,

איך ווייס ניט, צי האָסטו געפֿונען ווער ס׳זאָל דיר לייענען מײַנע בריוו. איך וויל האָפֿן, אַז יאָ. איך וועל זיך באַמיִען שרײַבן קלאָר, ס׳זאָל זײַן לײַכטער צו לייענען.

איך ווייס, אַז דו ביסט פאַרנומען, פֿאַרדרייט. איך ווייס, אַז דו האָסט נישט קיין צײַט און האָסט נישט ליב צו שרײַבן בריוו. און דאָך שרײַב איך דיר. עס ווילט זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן. עפּעס איז בײַ מיר אַ שווערע שטימונג. צי עס האָט שטאַרק געווירקט אויף מיר דאָס וואָס עס איז נעכטן פֿאַרגעקומען אין ירושלים!? אפֿשר אויך דערפֿאַר וואָס איך ווייס נישט, וואָס ס׳וועט זײַן מיט אורי, צי וועט העלפֿן דאָס וואָס איך בין געווען אין אַמעריקע? כ׳ווייס ניט. ווי עס זאָל ניט זײַן, דאַרף מען אַזוי פֿאַרזעצן צו לעבן. מיר געפֿינען זיך אויף אַ ווולקאַן, אַרום און אַרום אַזוי פֿיל שׂונאים. נעכטן געפֿאַלן קרבנות אין צענטער פֿון ירושלים. און דאָס לעבן גייט ווײַטער. כ׳בין ערשט געקומען פֿון תל־אביב, געווען אויף דיזענגאָף, די קאַפֿעען זענען פֿול, יוגנט שפּאַצירט אַרום איבערן גאַס. ס׳קלינגט געלעכטער, די קינאָס זענען פֿול. דאָס איז אונדזער גליק. מ׳טאָר זיך ניט אונטערגעבן. אַן אײַנגעשפּאַרט פֿאָלק.

כ׳האָב באַקומען אַ קאָפּיע פֿון אַן אַרטיקל וועגן מיר און אורי, געשריבן פֿון בעאַטריטשע בינענשטאָק. פֿאַרשטיי איך אַז דאָס איז דײַן באַקאַנטע ברכה, ווי זי האָט זיך אָנגערופֿן. מען האָט מיר דעם אַרטיקל איבערגעזעצט. ניט שלעכט אָנגעשריבן, נאָר זי האָט ניט אַלץ פֿאַרשטאַנען. און אפֿשר האָט מען דעם אַרטיקל געקירצט, אַלנפֿאַלס, גיב איר איבער מײַן דאַנק. איך בעט דיך. פּאַלין, כ׳האָב נאָך אַ ביטע. איך האָב גערעדט מיט אורי אין טעלעפֿאָן. דערווײַלע איז בײַ אים קיינע נײַעס ניטאָ. ער האָט דאָס פּעקעלע מיט די דזשינס ניט באַ־קומען. ניט שוין זשע האָט זיסי אַרויסגעשיקט מיט אַ שיף? אויב דו קאָנסט עס אויסקלאָרן, בעט איך דיך זייער. זיסי האָט געגעבן דעם פּעקל אַ שוואַר־ציגקן בחורל. איך ווייס אַז זיסי איז ניט אויף דער אַרבעט, אָבער עמעצער פֿון די מיידלעך ווייס זיכער ווי מען האָט עס אָפּגעשיקט.

איך באַקום קאָפּיעס פֿון פֿאַרשידענע אַרטיקלען, אָבער צי האָט עליזאַבעט האָלצמאַן עפּעס אויפֿגעטאָן פֿאַר אורי, אָדער די אַנדערע קאָנגרעסמענער, ווייס איך גאָרניט. איך פֿאַרשטיי אַז מעלקאָלם האָט ניט קיין צײַט וועגן דעם צו שרײַבן.

טײַערע פּאַלין, דו מוזסט מיר אַנטשולדיקן, נאָר איך בעט דיך דערוויסן זיך

בײַ מעלקאָלם, וואָס עס איז אָפּגעטאָן פֿאַר אורי. איך האָב אַ געפֿיל, אַז ווי איך בין אַוועקגעפֿאָרן איז אַלץ געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. איך וועל זיך זייער פֿרייען, אויב דו וועסט געפֿינען צײַט מיר אָנצושרײַבן אַ פּאָר ווערטער, וועגן זיך, יהושע, ישראל, וואָס טוען זיי, ווי פֿילט איר זיך אַלע. ווען קומען צו פֿאָרן בערטאַ און יהודית? איך בענק נאָך אײַך אַלע. נעמט צו מײַנע הייסע קושן,

אייער דינה

דינהלע היקרה! תכתבי לי כמה מילים, מה את עושה? איך החופש שלך עבר? אני מאוד מתגעגעת אליך. הרבה נשיקות, דינה.

דאָס לעצטע בילד (מיט פֿייגע האָפּשטיין, תל־אביב, 11 אויגוסט 1975)

ל. פּאַדריאַטשיק

אַ בריוו צו דינהן

עס וואָלט עמעצן אפשר אויסגעזען אויסטערליש, וואָס איך שרײַב דיר דעם בריוו. געהערסט שוין צו דער וועלט פון לויטער סוד און רמז. בײַ מיר ביסטו אָבער נאָך אַלץ כולה ניגלה. מן המיצר רוף איך צו דיר, ענני — פאַר וואָס בין איך געשטראָפט? וווהין ביסטו פּלוצעם פון מיר פאַרשווונדן? איך זוך נישט דײַן נײַעם אַדרעס. איך פיל, אַז ביסט נאָך דאָ דאָ, אין מיר, אַרום מיר, איבער מיר. איך הער ווי דו רופסט מיך פון די ווײַטע פאַרהוילענע אין־סופן. איך וועל זיך לאַנג נישט פאַרזאַמען. איך האָב פאַרלוירן דעם זין פון לעבן. און אומזיניקייט ווייסטו דאָך, איז מיר דערווידער. איך וועל זיך אפשר פאַרזאַמען נאָר אויף אַזוי פיל, וויפל עס איז נייטיק דאָ אײַנצופלאַנצן אונדזער אַרי, די בליִענדיקע צווײַג פון אונדזער ליבע. זײַן לעבן איז איצט אויף דײַנס און מײַנס געצפּלט...

דו האָסט ליב געהאַט העלע, רויטע פאַרבן, שרײַב איך דעם בריוו מיטן בלוט פון מײַן האַרצן.

ווײ מיר ווײ, וואָס איך מוז זאָגן: „האָסט ליב געהאַט״. ניין, און אָבער אַ מאָל ניין, דו לעבסט! האָסט ליב אַלע פאַרבן. און איך האָב ליב דײַן שיינעם גוף, קלוג האַרץ און גוטע נשמה. און ווער עס האָט ליב פילט דאָס לעבן פון דער נאַטור. און נאַטור איז אייביק. אין מײַנע אויערן שלאָגט נאָך אַלץ דער דופּק פון דײַן וואָרט. און וואָרט פאַרבינדט מענטש צו מענטש, מענטש מיט גאָט...

איך וויל רעדן מיט דיר אינטים, שטיל, אָן ווערטער. אַזוי ווי מיר האָבן עס געטאָן עטלעכע און דרײַסיק יאָר אין די טיפע שטילע נאַכט־שעהען, ווען אונדזערע גופים און נשמות זענען געוואָרן איין מיסטעריעזער איינס...

*

— „איך ווייס בכלל נאָך נישט ווו אין לעבן איז אָן אָנהויב און ווו איז דער סוף״ — האָסטו אין דער הויך איבערגעלייענט ד. בערגעלסאָנס ווערטער. פּלוצעם אַ טיפער זיפץ: ליאָווא, מיר איז שלעכט!.. כ'האָב דיך געזוכט אין אַלע שטובווינקלען, געפונען ליגן אַ בלאַסע אין בעט. דערלאַנגט דיר רפואות און ווען איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קישן פון אונטער דײַן קאָפּ האָסטו באַוויזן נאָר אַ זאָג טאָן: אוי ווי גוט! און ביסט פאַרזונקען אין אַ מוראדיק שווײַגן, וואָס לעכערט נאָך איצט מיר די אויערן...

דו, די פלאַפּלערקע, אין אייביקער שטומקייט? ווי קען עס געמאָלט

זײַן? פֿינף מעת־לעת ביסטו געלעגן אַ פֿאַרשטײַפֿטע. נאָר די אויגן האָסטו עטוואָס אָפֿן געהאַלטן. און אַרויסגעקוקט האָט פֿון זיי אַ שרעקלעכער טרויער.

„אוי ווי גוט״ — וואָס האָסטו געמיינט דערמיט?

און וואָס באַדײַטן די דאָזיקע ווערטער ערב דײַן אַרײַנפֿאַלן אין אייביקן שווערן שווײַגן?

*

— — אין דעם טעאַטער־לעקסיקאָן וועט מען מסתּמא אַ מאָל פֿאַרשרײַבן, אַז ביסט געוואַקסן אין אַ ייִדיש־טראַדיציאָנעלער שטוב, געענדיקט אַ העברעיִשע גימנאַזיע און זיך דערצויגן אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר״. מען וועט זיכער אויך נישט פֿאַרגעסן פֿאַרצייכענען, אַז ביסט געווען אַ שילערין פֿון שלמה מיכאָעלס און געאַרבעט אין זײַן טעאַטער.

דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פֿון דײַן קינסטלערישן געמיט האָבן אויספֿאַרמירט: דער חורבן פֿון דײַן געבורטשטעטל און דער אומקום פֿון די אייגענע, דער אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און דער אויפֿקום פֿון מדינת־ישראל.

דײַן שאַפֿערישער וועג האָט זיך געשטאַלטיקט אין צוויי ריכטונגען: ווי אַ דראַמאַטישע אַרטיסטין און קינסטלערישע פֿאַרלייענערין. דו האָסט באַטראַכט ווי דײַן לעבנס־מיסיע צו ברענגען דאָס ייִדישע קינסטלערישע וואָרט פֿאַר די ברייטע פֿאָלקסמאַסן, און קודם־כּל די ווערק פֿון די אומגעבראַכטע וואָרטמײַסטערס אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דײַן וועג אין דער טעאַטער־קונסט איז געווען אַ טראַגישער. עס איז דיר נישט באַשערט געווען צו דערגרייכן די הייכן צו וועלכע דו האָסט געשטרעבט. קונסט, האָסטו געהאַלטן, איז נישט פֿאַרוויילונג נאָר גײַסטיקע דערהויבונג. דײַן אינטויִציע און טיפֿע פֿאַרוואָרצלטקייט אין ייִדישן וואָרט האָט באַזונדערס באַזינט דײַנע קינסטלערישע אויפֿטריטן. אין דײַנע פֿאַרלעזונגען האָסטו אַרײַנגעדרונגען אין דעם אינערלעכן זין און אין פֿאַרביקער פֿאַרשידנקייט פֿון אַ ליטעראַריש ווערק. קיין איין ניואַנס אין דעם ציטערדיקן געוועב פֿון די פֿאַרגעלייענטע שאַפֿונגען איז בײַ דיר נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען. האָסט דערהערט זייערע פֿאַרבן און דערזען זייערע טענער. — —

*

נישט איין מאָל האָסטו אונטערגעשטראָכן, אַז מיט דײַן שוישפּילערישער קונסט שטרעבסטו צו דערגרייכן די הייכן פֿון די אַמאָליקע תּחינה־זאָגערינס.

אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע, וואָס האָסט געשריבן אין שייכות מיטן באַקומען דעם פּרײַז פֿון ייִדישן שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישראל האָסטו געשריבן אונטער אַנדערן:

„די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ שעפֿערישן מענטש הייבט זיך אָן פֿון דעם מאָמענט ווען ער הייבט אָן פֿאַרגעדענקען און באַזינען וואָס מיט אים און אַרום אים געשעט. דאָס ערשטע בילד פֿון מײַנע קינדער־יאָרן, שרײַבסטו, וואָס האָט זיך פֿאַרקריצט אין מײַן זכּרון, זענען מײַן באָבעס הענט, בעת זי פֿלעגט ליכט בענטשן ערב שבת. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען דורכזיכטיק און איך זע דורך זיי די פֿאַרכט און דעם עקסטאַז פֿון איר פּנים.

„אין מײַן קינדהייט האָב איך אַ סך טרערן פֿאַרגאָסן קוקנדיק אויף די פֿאַרוויינטע פּנימער פֿון די ייִדענעס אין שול, וואָס האָבן געכליפּעט און זיך געשאָקלט לויטן ריטעם פֿון מײַן באָבעס תּחינה־זאָגן: געווען איז מײַן באָבע אַ פֿירזאָגערין בײַ ייִדן.

„די נטיות צום טעאַטער, באַזונדערס צו דער רעציטאַציע־קונסט, האָב איך געירשנט פֿון מײַן באָבען. טעאַטער איז בײַ מיר אַ קולט. ווען איך טרעט אַרויף אויף דער סצענע ווער איך באַהערשט פֿון אַזאַ מין געפֿיל, וואָס נאָר שטאַרק רעליגיעזע מענטשן פֿילן ווען זיי טרעטן אַריבער די שוועל פֿון שול"...

נאָר וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל. איך מוז צו ערשט זיך צוגעוויינען זען די וועלט אָן דיר. געפֿינען דעם דיסטאַנץ פֿון צײַט און רוים, כּדי צו קענען מאָלן דײַן פּאָרטרעט.

*

— — איך בין אַן עדות געווען ווי דו האָסט געקושט די שטיינער פֿון דער „הבימה־געביידע", ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען קיין ישראל. אויך שפּעטער ווען מען האָט דײַן וועג צום טעאַטער מיט דערנער באַוואָרפֿן, ביסטו גרייט געווען: „די דילן וואָשן אַבי נאָר אָטעמען די לופֿט פֿון דעם היכל ווו עס לעבט און שאַפֿט חנה ראָווינאַ".

מען האָט דיר אויך דאָס נישט פֿאַרגונען. האָסט קוים באַוויזן דײַנע פֿליגל צעשפּרייטן ווי מען האָט זיי דיר מיט אַ שטומפּיק מעסער אונטערגעשניטן...

דאָס האָט דיך מאָראַליש אין גאַנצן צעבראָכן. פֿון מיר האָסטו עס אויס־באַהאַלטן. ערשט אין דײַן לעצטן שוואַרצן שבת האָסטו וועגן דעם געהאַלטן אין איין רעדן און דערציילן. געענדיקט האָסטו דײַן ווידוי מיט די ווערטער: גאָט זאָל זיי שטראָפֿן דערפֿאַר!

האָט גאָט דיך דערהערט? ווער ווייסט? נאָר ווייסן ווייס איך, אַז דו ביסט

אַ קרבן. שרעקלעך איז דער גורל וואָס פֿאַרלאַנגט קרבנות צו פֿאַרדעקן די זינד פֿון די, וואָס זענען פֿול מיט זינד...

און ווייסן ווייס איך אויך, אַז דו ביסט פֿאַרברענט געוואָרן פֿון דער בענק־שאַפֿט נאָך אורי.

עס האָט דיך דערמאָרדעט דאָס אכזריות פֿון סאָוועטישן „אָוויר"; פֿאַרקירצט דײַנע יאָרן האָבן אויך באַשטימטע שפּלדיקע מידות אין אונדזער געזעלשאַפֿט.

*

אין שווערע, זייער שווערע און נסיונותדיקע יאָרן האָסטו אויסגעטראָגן דײַן ליבע צום לאַנד. ביסט געקומען אַ פֿולע מיט אהבת־חינם. און באַגעגנט האָט מען דיך מיט וואָס ?...

ווײ מיר ווײ. וי להאי שופרא דבלעה בארעה.

זאָל דיר כאָטש גרינג זײַן די ערד פֿון ישראל.

„לעצטע נײַעס", 75.10.3

אינהאַלט

ליאָ קעניג: אַריינפיר 5

א

נאָטיצן אין פּראָפּיל 11
יעקב העליון: כנר אלמוני ניגן קדיש 19
משולם סורקיס: אַרטיסטישע עשירות 22
אריקה עוזרמן: המעגל נסגר 27
מרדכי צאַנין: דינה רויטקאָפּ אַלס רעציטאַטאָרין 30
שמעון קאַנץ: אַ שטים וואָס קומט פון דער טיף . . . 32
יוכבד בוקסר: האמנים באים 34
יוסף גאָלדקאָרן: דער נס פון יידישן אלף־בית 37
י. שמולעוויטש: לאָזט אַרויס מיין זון! 41
זיסקה יפּת: חבל על דאבדין 45

ב

יצחק פּאַנער: ביים פרישן קבר 51
הירש אַשעראָוויטש: אַ טראַגישע געשטאַלט 54
דוד ספּאַרד: אַ לעצטע באַגעגעניש 57
מאָטל סאַקציער: פרומקייט און ערלעכקייט 60
יהושע א. גלבוע: בת דור האימה והדווי 63
נחמן ראַפּפּ: די וואָס זענען אַוועק מיטן האַרבסט 66
רפאל צבי: כלי מלא יעוד 68
יאַנקל יאקיר: דינה — די יום־טובדיקע 70
מאַשאַ אופּמאַן: לייכט ביסטו אַוועק 73
זאב איגרת: ביום השלושים לפטירתה 74
אפרים ליבנה: אוהבת חיים היתה 76
וועראַ האַקען: די מאַמע און דער קאָמיסאַר 77
סאָל גאָלדשטיין: ווער האָט דערהרגעט דינה רויטקאָפּ (ענגליש) . 82
העראָישע מוטער (ענגליש) 83
סימבאָלישע לוויה אין ניו־יאָרק 84
אַ רירנדיקער אָוונט 86
רות באַראָן: אַ וואָרט וועגן דינהן (ענגליש) 88
רשימות אין שוואַרצער ראָם 89

ג

דינה רויטקאָפּ: אין קורצן וועגן זיך 97
דינה רויטקאָפּ: בריוו 104
ל. פּאָדריאַטשיק: אַ בריוו צו דינהן 114